STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02658

YIDISHE KOLONIZATSYE IN SOVET-RUSLAND

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע קאָלאָניזאַציע
אין סאָוועט־רוסלאַנד

1) פאַרוואָרט.

2) י. גאָלדע — די אויסזיכטן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

3) אגר. כייקין — די אָרגאַניזאַציע פון דער אידישער איבערוואַנדערונג אין די קאָלאָניעס.

4) די נאָענטסטע אויפגאַבן פון רוסלענדישן „אָרט“.

5) י. גאָלדע — דער אידישער פאַוויליאָן אויף דער אַלרוסלענדישער לאַנדווירטשאַפטלאַכער אויסשטעלונג.

אַרויסגעגעבן:

אַמעריקאַנער פאָרשטייערשאַפט פון „אידגעזקאָם“ און רוסלענדישן „אָרט“

ניו־יאָרק, 1924.

הילע — ב. אַראָנסאָן.

American Representation of
The All Russian Jewish Public Committee and the Russian "ORT"
110 W. 40th St., New York, N. Y.

95306

לעוואַנט פרעס, 138-40 סעקאָנד סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

אין דער פאָרגעלייגטער בראָשור וועט דער לעזער געפינען אַ רייע אַרטיקלען און מאַטעריאַלן וועגן דער פראַגע פון אידישער איבערוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין די גרעניצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די פראַגע וועגן אַברייטער אידישער קאָלאָניזאַציע האָט אין די סאָוועט־רעפּובליקן אויפגעהערט צו זיין אַן ענין פון טעאָרעטישע פּלפּולים. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט אַזוי טיף אויפגעאַקערט די יסודות פון די אַלטע עקאָנאָמישע באַציאונגען, האָט אריינגעקריצט אירע שפּורן אויך אין דער „עקאָנאָמישער פּסיכאָלאָגיע” פון דער אידישער באַפעלקערונג. די אַלטע לופט־פּרנסות האָבן אָנגעוואָרן זייער חן — אין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער סאָוועטן־מלוכה איז פאַר זיי מער קיין באָדן נישטאָ. די גרויסע מאַסן פון דער אידישער באַפעלקערונג זוכן אויפצושטעלן זייער עקאָנאָמישן מצב אויף געזונטע יסודות פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. באַזונדערס, האָבן די ערשט־דורכגעלעבטע שטורעם־יאָרן ארויסגערופן בּאַ די אידישע מאַסן דעם דראַנג זיך צו באַזעצן אויף דער ערד, באַאַרבעטן זי, לאָזן טיפע וואָרצלען, אריינדרינגען ווי אַ וויכטיקער אָרגאַנישער טייל אין דעם עקאָנאָמישן בנין פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די פראַגע וועגן אידישער קאָלאָניזאַציע שטייט איצט פאַר די אידישע מלוכה'שע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס אין איר גאַנצער אַקטועלער שאַרפקייט. אַ גאַנצע רייע קאָנקרעטע באַשלוסן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער אידישער איבערוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין די גרעניצן פון די סאָוועטן־רעפּובליקן זיינען אָנגענומען געוואָרן שוין אויף דער באַראַטונג פון די קאָמיטעטן פון רוסלענדישן „אָרט” אין יוני 1923. אויך דער אידישער פאַוויליאָן אויף דער אַלרוסלענדישער לאַנדווירטשאַפטליכער אויס־

שטעלונג אין מאסקווע אין סעפטעמבער און אקטאבער 1923. איז ארגאניזירט געווארן דער אידישער אפטיילונג פון נאציאנאליטעטן־קאמיסאריאט און די צענטראל־קאמיטעטן „ארט" און „אידגעזקאם" מיט'ן צוועק צו פאפולאריזירן די דער־גרייכונגען פון דער אידישער לאנדווירטשאפט אין די סאוועט־רעפובליקן און די מעגליכקייטן פון א ווייטערדיקער ברייטער קאלאניזאציע.

א געגויען אנאליז פון די אויסזיכטן פאר אידישער קאלאני־זאציע אין די סאוועט־רעפובליקן ווען די לעזער געפינען אין דער ארבעט פון פארזיצער פון צ. ק. פון רוסלענדישן „ארט", י. גאלדע. א צווייטע ארבעט — פון פארוואלטער פון דער אגראנאמישער אפטיילונג פון רוסלענדישן „ארט", אגראנאם כייקין — באשעפ־טיקט זיך מיט די אויפגאבן, וואס שטייען אין צוזאמענהאנג מיט די מעגליכקייטן צו באזעצן א געוויסע צאל אידישע איבערוואנ־דערונגס־גרופעס אין די אידישע לאנדווירטשאפטליכע קאלאניעס אין דרום־אוקראינע שוין אין משך פון יאר 1924.

פון די פארגעלייגטע מאטעריאלן איז צו זען, אז אין די סאוועט־רעפובליקן האט זיך געשאפן א גינסטיקע סיטואציע פאר דער באפעסטיקונג פון די עקאנאמישע פאזיציעס פון דער אידי־שער באפעלקערונג אויף געזונטע פראדוקטיווע יסודות. ס'איז פאראן דער שטרעבן און ווילן פון די אידישע שטעטלדיקע מאסן אריבערצו־גיין צו ערד־ארבעט. עס זיינען פאראן ברייטע מעגליכקייטן פאר א קאנצענטרירטער אידישער קאלאניזאציע אין א גרויסן מאס־שטאב. עס זיינען אויך פאראן די ארטיקע געזעלשאפטליכע כחות, וואס זאלן די קאלאניזאציע - באוועגונג ארגאניזירן און דורכפירן מיט דער פולער שטיצע פון דער סאוועט־רעגירונג. די ערשטע שריט אין דער דאזיקער ריכטונג זיינען שוין געמאכט גע־ווארן, און ביים צענטראלן אויספיר־קאמיטעט פון פארבאנד פון די סאציאליסטישע סאוועט־רעפובליקן איז געגרינדעט געווארן א ספעציעלע קאמיסיע, וואס באשעפטיקט זיך מיט דער פראגע וועגן דער אידישער קאלאניזאציע.

אין צוזאמענהאנג מיט אט דער ארבעט שטייט אויפ'ן טאג־סדר די פראגע וועגן דער גרינדונג פון א ספעציעלן פינאנס־אינ־

סטיטוט, וואס זאל שאפן די נויטיקע פינאנציעלע מיטלען אויף דורכצופירן די לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעמונגען פון די אידישע מאסן אין די סאוועט־רעפובליקן. עס ווערט פאראויסגעזען, אז די דאזיקע הילף זאל געגעבען ווערן אויף ריינע קרעדיט־יסודות, אין דער פארם פון א הלואה, וואס וועט קאנען גאראנטירט ווערן מיט דער פראדוקציע פון דער אידישער לאנדווירטשאפט, וואס וועט א דאנק אט די מיטלען זיך אנטוויקלען.

עס איז צו דערווארטן, אז די אידישע באפעלקערונג פון אמעריקע וועט זיך ערנסט פאראינטערעסירן מיט די פראבלעמען, וואס ווערן אנגעמערקט אין דער בראשור, און וואס זענען פאראויס דעם ענדגילטיקן עקאנאמישן אויפבוי פון דער אידישער באפעלקערונג אין די סאוועט־רעפובליקן אויף געזונטע יסודות פון ארבעט.

אמעריקאנער פארשטייערשאפט פון
אלרוסלענדישן „אידגעזקאם“ און
רוסלענדישן „ארט“.

י. גאָלדע:

די אויסזיכטן פון אידישער קאָלאָניזאַציע אינ'ם סאָוועטן-פאַרבאַנד

אין יעדער אונטערנעמונג אויפן געביט פון קאָלאָניזאַציע, סיי אויסערליכער, סיי אינערליכער, איז דער ערפאָלג אָפּהייענגיק קודם כל פון די פאָלגנדיקע פיר גרונט-פאַקטאָרן: 1) דער מענשליכער מאַטעריאַל; 2) דער פרייער ערד-פאָנד; 3) די רעכטליכע באַציאונגען און 4) די מאַטעריעלע מיטלען.

ווי האַלט עס מיט די דאָזיקע פאַקטאָרן און וועלכע אויספירן דאַרף מען פון זיי מאַכן, כדי מיט ערפאָלג דורכצופירן די אויפגאַבע פון איינאָרדענען אידן אויף ערד אין די סאָוועט-רעפּובליקן?

1) דער מענשליכער מאַטעריאַל

אין די צאָרייכע קליינע שטעטלאַך, וועלכע האָבן אין די לעצטע יאָרן פאַרלאָרן זייער באַדייטונג אַלס ווירטשאַפטליכע פאַרמיטלער צווישן שטאָט און דאָרף, און אין אַ סך גרעסערע שטעט, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט מאַסן אַרבעטלאָזע און סתם „לופט-מענשן", זיינען פאַראַן הונדערטער טויזנטער אידן, וואָס לעבן פון טאָג צו טאָג און פירן אַ האַלב הונגעריקן לעבן, אָהן שום אויסזיכטן צו געפינען אויפן אָרט אַ מער אָדער ווייניקער געזיכערטע פּרנסה. די אויסזיכטן אויפן מסחר זיינען מער ווי צווייפלהאַפט. באַ דער שטייער-פּאָליטיק פון דער סאָוועטן-מאַכט קאָנען זיך דורכהאַלטן בלויז סאָלידע מלוכה'שע און קאָאָפּעראַטיווע מסחר-אונטערנעמונגען און פּריוואַטע סוחרים מיט גרעסערע קאַפּיטאַלן. „קליינע מענ-

שעלאָד" האָבן פּשוט מורא פאַרן מסחר, וואָס האָט שוין ניט איינעם פון זיי רואינירט. פאַר זיי איז קלאָר געוואָרן, אַז נאָר די פּראָדוקטיווע אַרבעט קאָן זיי געבן דעם תכלית און זיכערן זייער קיום.

אָבער די שטאָטישע מלאכה און אינדוסטריע, וואָס ווערן, אמת, ביסלאַכווייז אויפגעשטעלט, זיינען נאָך דערווייל ניט אימשטאַנד אויפצונעמען אפילו די מער קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וועלכע גייען אויך אַפּט אַרום אין אַ גרויסער צאָל אָהן אַרבעט.

עס בלייבט נאָר איין אויסוועג: נעמען זיך פאַר ערד־אַרבעט. און מיר זעען טאַקע, אַז דער דראַנג צו ערד־אַרבעט פאַרכאַפּט אַלץ ברייטערע שיכטן פון די „קליינע מענשעלאַך" אין די אידישע שטעט און שטעטלאַך. ערטערווייז נעמט עס אָן קרענקליכע, פאַרקריפּלטע פאָרמען. עס איז געווען, אַז עמיצער זאָל אין אַ שטעטל אַרויסלאָזן אַ קלאַנג, אַז ערגעץ וואו איז דאָ די מעגליכקייט זיך איינצואָרדענען אויף ערד, און באַלד ווערט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פונם שטעטל געבראַכט אין באַוועגונג. מען הויבט אָן צו בויען פּלענער, מאַכן אסיפות, בילדן גרופּן, שיקן משולחים (כאָדאָקעס), אַפּילו אויספאַרקויפן דאָס ביסל האָב־און־גוטס און מען קלייבט זיך שוין צו פאָרן.

די וואָרנונגען קעגן די סכנות פון סטיכישע איבערוואַנדערונגען, מיט וועלכע עס זיינען אַרויסגעטראָטן די אידישע צייטונגען און די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, האָבן אַביסל ניכטערער געמאַכט די אויפגערודערטע שטעטלדיקע באַפעלקערונג און אָפּגעקילט די איבערטריבענע פאַנטאַזיע פון די צאָלרייכע משולחים און טרוימער, וועלכע זיינען אַרומגעפאָרן און אָפּגעשלאָגן שוועלן אין אַלע אינסטאַנצן פון די מלוכה'שע אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס.

די וואָרנונגען וועלן אָבער לאַנג ניט ווירקן. מען קאָן זיכער זיין, אַז אין פרילינג 1924 וועט זיך אין די אידישע שטעט און שטעטלאַך די איבערוואַנדערונג־באַוועגונג מיט אַלע אירע נעבן־דערשיינונגען איבער'חזרן און דווקא אין נאָך אַ געשטייגערטער מאָס אין פאַרגלייך מיט'ן פאַראַיאָריקן געדודער. ווארום די סיבות,

וועלכע רופן ארוים בא די אידישע מאסן דעם דראַנג צו ערד־אַרבעט און טרייבן זיי צו איבערוואַנדערונג, זיינען גאָר ניט שוואַכער געוואָרן. זיי וועלן זיכער נאָך לאַנג ווירקן אין דער אידישער סביבה פון די סאָוועט־רעפּובליקן.

פאַר דעם ערפאָלג פון די קאָלאָניזאַטאָרישע התחלות איז וויכטיק ניט נאָר די צאָל פון די איבערוואַנדערער, נאָר אויך זייער באַשטאַנד און דער עיקר זייער אַרבעט־פעאיקייט. אין דעם פּרט שטעלן מיט זיך פאַר די אידישע איבערוואַנדערער אַ גינסטיקן עלעמענט.

לויט די ידיעות, וועלכע דער רוסלענדישער „אָרט" האָט האַיאָר געזאַמלט פון די טויזנטער איבערוואַנדערער, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו אים וועגן הילף ביים איינאָרדענען זיך, באַשטייען זיי הויפּטזאַכליך פון בעלי־מלאכות און אַרבעטער (אַז ערך 50 פּראָצענט) און טיילווייז פון אַמאָליקע ערד־אַרבעטער און אויך פון געוועזענע סוחרים.

אַלס אַן אילוסטראַציע פון דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער אידישער איבערוואַנדערער מאַסע, קאָנען דינען פאָלגנדיקע ציפערן, געזאַמלט דורכן „אָרט" לויט ספּעציעלע אַנקעטן.

אין די דריי איבערוואַנדערער־אַרטעלן פון טשערקאַס, וועלכע ציילן 123 משפחות מיט 570 נפשות, גייען אריין לויט די באַשעפטיקונגען פון די הויפּטן פון די פאַמיליעס: 57 בעלי־מלאכות, 28 אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, 23 ערד־אַרבעטער, 11 הענדלער און 4 אָהן באַשטימטער באַשעפטיקונג.

דער האַיסינער אַרטעל (פּאָד. גוב.) באַשטייט פון 102 משפחות מיט 605 נפשות. פון זיי בעלי־מלאכות 60 פּראָצענט, הענדלער 30 פּראָצענט און ערד־אַרבעטער 10 פּראָצענט.

דער ליאָזנער אַרטעל (וויטעב. גוב.) פון 26 משפחות מיט 164 נפשות באַשטייט פון 14 ערד־אַרבעטער, 6 בעלי־מלאכות און 4 אַרבעטער.

אין דעם ריאַסנער אַרטעל (סמאָל. גוב.) זיינען פון 10 משפחות 5 בעלי־מלאכות.

די 515 משפחות פון איבערוואנדערער מיט 2927 נפשות, וועל־כע האבן זיך געווענדעט אין פרילינג 1923 צום אדעסער קאמיטעט פון „ארט“, זיינען אז ערך א העלפט באשטאנען פון בעלי־מלאכות און ארבעטער און 15—10 פראצענט פון ערד־ארבעטער.

די צאל ארבעט־פייאיקע מיטגלידער פון די משפחות איז זעהר גרויס. ביים איינארדענען זיך אויף דער ערד, פאסן זיי זיך שנעל צו צו די נייע באדינגונגען און לעבנשטייגער. די איינוואנ־דערער, וואס האבן זיך איינגעארדנט אין די אלטע אידישע קא־לאניעס, קאנען דינען, לויט די עדות פון די אינסטרוקטארן, אלס מוסטער פאר די קאלאניסטן.

קורץ, דער מענשליכער מאטעריאל, פון וועלכן עס באשטייט די אידישע איבערוואנדערנדיקע מאסע, איז פולשטענדיק פאסיק פאר א ברייטער לאנדווירטשאפטליכער קאלאניזאציע.

2) פרייע ערד

„רוסלאנד פארמאגט אז אומגעהייער גרויסן ערד־פאנד, וואס קאן קאלאניזירט ווערן. די דאזיקע אייגנשאפט איז איינע פון די עקאנאמישע גרונטלאגן, וואס שאפן פאר רוסלאנד די מעגליכקייט צו אנטוויקלען זיך אויף אז „אמעריקאנישן שטייגער“. אזוי האט אמאל לענין געשריבן אין זיין ווערק „די אגראר־פראגראם פון די ס. ד. אין דער ערשטער רוסלענדישער רעוואלוציע“.

אין אן אנדער ארט שרייבט לענין: „נאר די איבערקערעניש אינ׳ם אייראפייאישן רוסלאנד, נאר די פולע אפשאפונג אין איר פון די רעשטלאך פון לייב־קנעכטשאפט, די באפרייאונג פון די פויערים פון די מיטלאלטערליכע לאטיפונדיעס (גרויסער ערד־באַ־זיץ) זיינען אימשטאנד פאקטיש צו עפענען א נייע תקופה אין דער קאלאניזאציע.“ (לענין — „די אגראר־פראגע אין רוסלאנד ענדע 19טן יארהונדערט.“).

די אקטאבער רעוואלוציע האט טאקע אפגעשאפט די אלע מניעות, וועלכע האבן געשטערט דער פרייער אנטוויקלונג פון די פראדוקטיווע קרעפטן פונ׳ם לאנד, און געעפנט נייע האריזאנטן פאר

אויסנוצן די פֿאַרבאַרגענע נאַטור־רייכטימער אין הסכם מיט די אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג.

אין פּרט פון קאָלאָניזירן איז רוסלאַנד ערשט איצט געוואָרן „אַ לאַנד פון אומבאַגרעניצטע מעגליכקייטן".

די פויערים פון די גובערניעס, וואָס ליידן פון דוחק אין ערד, דאַרפֿן שוין ניט וואַנדערן אין פרעמדע לענדער אין זוכעניש נאָך פרייער ערד און מענשליכן קיום. מיט דער באַפרייאונג פון רוס־לאַנד עפֿענען זיך פאַר זיי דאָ אויפ'ן אָרט אַלע ברייטערע מעגליכ־קייטן זיך איינצואָרדענען אויף די שטח'ן פונ'ם פרייען מלוכה'שן פאָנד, וועלכע פוסטעוועז נאָך.

די דאָזיקע מעגליכקייטן זיינען צוגייענגליך אויך פאַר אידן, וואָס ווילן פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט; און עס איז ניט ווייט די צייט, ווען רוסלאַנד וועט פון אַ לאַנד פון עמיגראַציע, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לאַנד פאַר אימיגראַציע.

ניט ריידנדיק שוין וועגן די דריי־פערטל פונם פאַרבאַנדישן ערד־שטח, וואָס זיינען נאָך אינגאַנצן ניט אויסגעפאָרשט און וואָס שטעלן נאָך מיט זיך פאַר אַ „לעגענדע־לאַנד", פאַרמאָגט אויך דער אויסגעפאָרשטער אייראָפּייאישער טייל פונ'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד זעהר גרויסע ערד־פלאַכן, וועלכע ליגן נאָך עד־היום ניט געאַקערט און ניט אַריינגעצויגן אין דעם פאָלקס־ווירטשאַפטליכן פאַרקער.

די גרעסטע פרייע ערד־מאַסיוון פונם אייראָפּייאישן טייל פון פאַרבאַנד, געפינען זיך פון יענער זייט וואָלגאַ און אין דרום־מזרח־קאַנט. פאַראַן אָבער אויך פרייע ערד־שטח'ן אין דער נאָענט פון די אידישע שטאָטישע און דאָרפישע צענטרען.

ביים באַהאַנדלען די פראַגע וועגן איינאָרדענען אידן אויף ערד דאַרפן די דאָזיקע נאָענטסטע ערד־שטחן קומען פריער פון אַלץ אין באַטראַכט.

אָבער ניט אין אַלע גובערניעס, אין וועלכע ס'קאָנצענטרירן זיך די אידישע מאַסן, איז פאַראַן אומבאַזעצטע ערד, וואָס קאָן אָהן איבעריקער מי און מעליאָראַציע גענומען ווערן אין באַאַרבעטונג.

לויט די אָנגאַבן פון דער אויספאָרשונג, וואָס דער רוסלענדי־שער „אָרט" האָט דורכגעפירט אין מערץ, 1923, גרופירן זיך די

אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים לויט די גובערניעס אויף פאָלגנדיקן אופן:

ראַיאָנען	1913 נפשות	1923 נפשות	צואוואוקס אין %
ווייס־רוסלאַנד — — —	3.000	5.524	
וויטעבסקער גובערניע —	2.046	4.445	
סמאָלענסקער " — —	1.735	4.033	
האָמלער " — —	2.324	5.611	
ס"ה אין מערב־געגנט	9.105	19.613	115%
קיעווער גובערניע — — —	—	2.410	
טשערניגאָווער — —	—	501	
וואָלינער " — — —	1.866	755	
פּאָדאָליער " — — —	519	8.742	
ס"ה אין דער רעכט ברעג־ניקער אוקראַינע	2.385	12.408	420%
אָדעסער גובערניע — —	22.399	30.205	
יעקאַטערינאָסלאַווער "	13.350	10.485	
דאָנעצער " — —	5.519	3.200	
ס"ה אין אוקראַינע	41.268	43.890	6%
צוזאַמען	52.758	75.911	44%

די אידישע ערד־אַרבעטער זיינען בכלל הויפּטזאַכליך (אין 58 פּראָצענט פון זייער אַלגעמיינער צאָל) קאָנצענטרירט אין די דרום־דיקע גובערניעס פון אוקראַינע. אין די דאָזיקע גובערניעס איז אָבער דער צואוואוקס פון די אידישע ערד־אַרבעטער פאַר די לעצטע צען יאָר גאָר קליין און באַטרעפט איינגאַנצן זעקס פּראָצענט. פּאַק־טיש זיינען דאָרט פאַר דער צייט צוגעקומען אַ סך נייע אידישע קאָלעקטיוון און ישובים מיט צענדליקער טויזנטער ערד־אַרבעטער און די באַפעלקערונג און דער שטח פון׳ם אידישן ערד־באַזיץ איז דאָרטן אַ סך גרעסער געוואָרן. נאָר גלייכצייטיק איז די באַפעלקע־רונג פון די אַלטע אידישע קאָלאָניעס געוואָרן קלענער אויף 20

פראצענט. דערפון באקומט זיך, אז די אלגעמיינע צאל אידישע ערד־ארבעטער אין די דרום־גובערנים איז צוגעוואקסן בלויז אויף 6 פראצענט.

דער צוואוואוקס פון אידישע ערד־ארבעטער אין מערב געגנט באטרעפט, ווי די טאבעלע ווייזט, פאר די לעצטע 10 יאר 115 פראצענט, און אין די דרום־מערב'דיקע גובערניעס פון אוקראינע — גאנצע 420 פראצענט.

און דאך מוז מען קאנסטאטירן, אז די אויסזיכטן אויף דער ווייטערדיקער פארברייטערונג פונ'ם אידישן ערד־באזיץ און אויפ'ן וואוקס פון דער אידישער דארפס־באפעלקערונג זיינען אין די דרום'דיקע גובערניעס א סך גינסטיקערע, איידער אין די איבעריקע געגנטן.

די הויפט־סיבה דערפון איז, וואס די מערב'דיקע און דרום־מערב'דיקע גובערניעס פון רוסלאנד האבן שטענדיק געליטן אוןליידן נאך עד־היום פונ'ם דוחק אין ערד. די אידן, וועלכע זיינען קאנצענטרירט אין די דאזיקע געגנטן, קאנען דעריבער ניט רעכענען אויף דער מעגליכקייט זיך איינצואָרדענען אין א באדייטנדער צאל אויף ערד אין די גרעניצן פון זייערע גובערניעס. און ס'איז קיין חידוש ניט, פארוואס די איבערוואנדערונג־באוועגונג האט זיך באזונדערס שטארק אנטוויקלט צווישן די אידן פון דעם מערב־דיקן און דרום־מערב'דיקן געגנטן.

אין זוכעניש נאך פרייער ערד האבן זיך די אידישע „מרגלים" (כאדאקעס) און איבערוואנדערער פון די דאזיקע געגנטן א לאז געטאן הויפטזאכליך אין דרום אוקראינע אין די געגנטן פון די אלטע אידישע קאלאניעס.

די באוועגונג, קאן מען זאגן, האט גלייך אנגענומען די ריכטיקע ווענדונג. אין די דרום'דיקע גובערניעס פון אוקראינע איז טאקע פאראן א סך פרייע ערד. לויט דער רעגיסטראציע פונ'ם אל־אוקראינישן ערד־קאמיסאריאט באטרעפט דער פרייער מלוכה'שער ערד־פאנד אין אדעסער און יעקאטערינאסלאווער גובערניעס העכער איין מיליאן דעסיאטין. א טייל פון דעם פאנד ליגט אין שכנות מיט די אידישע קאלאניעס.

אגב מוז מען באמערקן, אז אויך די אידישע קאלאניעס גופא

פארמאגן באדייטנדע פרייע ערד־שטחן וואס ווערן לחלוטין ניט אויסגענוצט.

לויט די ידיעות פון „ארט“ פארמאגן די 13 קאלאניעס פון ניקאלאיעווער ראיאן — 7.089 דעסיאטין איבעריקע פרייע ערד. די 15 קאלאניעס פון מאריופאלער ראיאן — 6.281 דעסיאטין, די 7 קאלאניעס פון קריוואראגער ראיאן — 1473 דעסיאטין. סך הכל מאכט עס אויס 14843 דעסיאטין, אויף וועלכע מע וואלט געקאנט איינארדענען ניט ווייניקער פון 1200 משפחות פון די איבערוואנדערער. דאס ארייננעמען פרישע כחות ליגט אין די אינטערעסן פון די קאלאניעס גופא. די קאלאניסטן וואלטן זיך אויף אזא אופן באפרייט פון די אומפראדוקטיווע אפצאלונגען פון פראדוקטן־שטייער פאר די פוסטעוועדיקע נחלות, און, פון דער אנדערער זייט. וואלטן זיי פטור ווערן פון די פארשיידענע שעדלינגען און ווילדע גראזן, וועלכע מערן זיך אויף פארווילדעטע נחלות און פון דארטן פארשפרייטן זיי זיך אויך אויף די שכנות־דיקע פעלדער.

מע קאן אלזא דרייסט באהויפטן, אז פאר׳ן אנהויב פון דער נייער אידישער קאלאניזאציע איז די אדעסער גובערניע מיט אירע גרויסע אידיש־שטאטישע און דארפישע צענטרען און דעם באדייטנדיקן מלוכ׳שן ערד־פאנד — די פאסיקסטע.

אייניקע גרופן אידישע איבערוואנדערער האבן געשיקט „מרגלים“ אויך אין וואלגער געגנט. דער ערד־קאמיסאריאט פון פ. ס. ס. ר. האט בדעה אנצוהויבן זיין נייע קאלאניזאציע גראד אין דעם געגנט, וואס קאן אויפנעמען א סך איבערוואנדערער. אין סאמארער, סאראטאווער און אנדערע גובערניעס פון דרום־מזרח קאנט האט די מלוכה א פרייען פארעגיסטרירטן פאנד פון לערך 5 מיליאן דעסיאטין. א טייל פון דעם דאזיקן פאנד איז שוין אפּגעמאסטן און באשטימט פאר די איבערוואנדערער פון פארשיידענע גובערניעס.

דער וויטעבסקער גובערניאלער־אויספיר־קאמיטעט וועלכער האט, צווישן אנדערע, באקומען עטליכע נחלות אין סאמארער און סאראטאווער גובערניעס פאר די וויטעבסקער פויערים, האט, לויט דער מעלדונג פון דער וויטעבסקער ביורא פון „ארט“, איינגעשטימט

אפּצוטיילן אַ געוויסן שטח ערד ניט ווייט פון סאַמאַרע אויך פאַר אידישע איבערוואַנדערער צו בילדן דאָרט קאָלאָניעס. וועגן דעם גיט מען צו וויסן אין די „ידיעות פונ׳ם וויטעבסקער גובאויספּיר־קאָם“ (נומ. 269, 268). מע דאַרף אָבער נאָך קלאָר מאַכן אויף וויפיל יענע געגנטן זיינען פּאַסיק פאַר גרינדן אידישע קאָלאָניעס.

אין געוויסע הינזיכטן שיינט צו זיין פּאַסיקער פאַר דעם צוועק דער דרום׳דיקער טייל פונ׳ם דרום־מזרח קאַנט, דער שוואַרץ־ים׳שער ברעג און באַזונדערס דער שוואַך באַפעלקערטער האַלב־אינזל קרים, וועלכער ליגט האַרט בא דער אָדעסער גובערניע און אונטערשיידט זיך ניט פון איר מיט זיינע קלימאַטישע באַדינגונגען.

אין די צוגרייטונגס־אונטערהאַנדלונגען מיט די קרימער סאָ־וועט־אָרגאַנען, האָבן די לעצטע ארויסגעוויזן אַ גוטוויליקע באַ־ציאונג צו דער אידייע פון אַ ברייטער לאַנדווירטשאַפטליכער קאָ־לאָניזאַציע פון אידן אין די אומבאַזעצטע געגנטן פון קרים, וואָס נויטיקט זיך גראָד פאַר זיין אַנטוויקלונג אין אַ צופלוס פון פרישע אַרבעט־כחות.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז כדי ענדגילטיק צו באַשטי־מען, וועלכע געגנטן זיינען די פּאַסיקסטע פאַר דער אידישער קאָ־לאָניזאַציע, זיינען נאָך נויטיק גרונטליכע אויספאָרשונגען. איין זאַך איז אָבער שוין איצט קלאָר: אין די גרעניצן פון די סאָ־וועטן־מלוכהס איז פאַראַן אַ סך פרייע ערד, וואָס קאָן קלעקן ניט נאָר פאַר די פויערים, וועלכע ליידן פונ׳ם דוחק אין ערד, נאָר אויך פאַר אימיגראַנטן פון אַנדערע מלוכהס. עס איז אויך קלאָר, אַז אין די סאָוועטן־מלוכהס איז פאַראַן אויך גענוג פּאַסיקע ערד, וואָס קאָן פאַרווענדעט ווערן אויף איינצואָרדענען אידישע איבערוואַנדערער.

דערווייל איז נאָך דאָ אַ גרויסער אויסוואַל פון ערד, און מיר קאָנען קריגן פאַר דעם צוועק אַ גרעסערן שטח ערד אין איין אָרט. מע קאָן אויך פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן די אַלטע אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים, דורך איינאָרדענען אידישע איבער־וואַנדערער אין די קאָלאָניעס און אין זייער שכנות. לאַנג וועלן די דאָזיקע מעגליכקייטן ניט דויערן. אין גיכן הויבט זיך אָן די מלוכה׳שע קאָלאָניזאַציע, און דער אַלגעמיינער שטראָם פון דער

איבערוואַנדערונג וועט אויך זיכער ווערן שטאַרקער. אויב מיר וועלן זיך לאַנג אַרומטראַגן מיט קאָלאָניזאַטאָרישע פּראָיעקטן און ניט נעמען זיך דרינגנדיק צו דער פּראַקטישער אויספירונג וועט זיך דער אויסוואַל פון פרייע שטחן אַלץ מער פאַרקירצן און צום סוף וועט די אידישע איבערוואַנדערער אויסקומען צו באַזעצן זיך אויף ערד אַהן שום פּלאַן, איינציקווייז און צעשטויבטערהייט.

3. די רעכטליכע באַדינגונגען

די יורידישע לאַגע פון ערד־אַרבעט און פון ערד־באַנוץ ווערט אין די סאָוועט־רעפּובליקן באַשטימט דורך דעם ערד־קאָדעקס, וואָס האָט אָנגעהויבן ווירקן דעם 10טן דעצעמבער, 1922.

די גרונט־אידייע, וואָס ציט זיך דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך אַלע אַרטיקלען פון אונזער ערד־קאָדעקס, איז די אידייע, אַז די אַר־בעט איז דער קוואַל, דער ציל און דער תנאי פונ׳ם רעכט אויף ערד.

דאָס רעכט פונ׳ם פּריוואַטן באַזיץ פון ערד איז אויף שטענדיק אָפּגעשאַפט. אַלע ערדן אין די גרעניצן פון די סאָוועט־רעפּובליקן זיינען דאָס אייגנטום פון דער אַרבעטער־פּויערשער מלוכה.

דער אַרטיקל 9 פונ׳ם ערד־קאָדעקס דערקלערט: „דאָס רעכט אויף ערד־באַנוץ, כדי צו פירן די לאַנדווירטשאַפט, האָבן אַלע ביר־גער פון דער ר. ס. פ. ס. ר. (אַהן אונטערשייד פון געשלעכט, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט), וועלכע ווילן באַאַרבעטן זי מיט איי־גענער מי. די בירגער, וואָס ווילן באַקומען ערד פאַר אַרבעט־באַנוץ, ווערן באַטיילט מיט ערד אָדער דורך די ערד־געמיינדעס, אין וועל־כע זיי גייען אריין, אָדער דורך די ערד־אָרגאַנען, אויב אין זייער רשות איז פאַראַן רעזערוו ערד, באַשטימט פאַר׳ן אַרבעט־באַנוץ".

אַלע אַקטן פון דער איינאָרדענונג און פריער פאַר אַלץ דאָס אָפּטיילן ערד פאַר איינצלנע מענטשן, פּאַראייניקונגען און געזעל־שאַפטן ווי אויך אויף באַזונדערע תנאים (אַרענדע, קאָנצעסיעס א. ד. גל.) ווי אויך דאָס בילדן ערד־פאָנדן פאַר ספּעציעלע צילן (פאַר איבערוואַנדערונג, קאָנצעסיעס און אַנדערע) ווערן דורכגע־פירט לויט די אַרטיקלען 165 און 166 פונ׳ם קאָדעקס „אין הסכם

מיט די רעכט אויף ערד און מיט די פאָדערונגען פון ווירטשאַפטליך־טעכנישער צוועקמעסיקייט".

די איבערוואַנדערונג ווערט נאָרמירט דורך די לעצטע פינף אַר־טיקלען (222–226) פונ'ם ערד־קאָדעקס.

לויט דעם אַרטיקל 222 „איז די איבערוואַנדערונג און דאָס שיקן משולחים (כאָדאַטשעסטוואָ) צוליב פאַראויסיקן ארומקוקן און אויסווײַלן ערד אַ פרייע און פריוויליקע זאַך".

אויפ'ן גרונט פון ספּעציעלע דעקרעטן באַקומען די איבערוואַנ־דערער „הנחות אין פאָרם פון פולשטענדיקער אָדער טיילווײַזער באַפרייאונג פון אויספילן אַל־מלוכה'שע און אָרטיקע פליכטן (מי־לימערדינסט, שטייער און ד. גל.) אין משך פון די ערשטע יאָרן פון אײַנאָרדענען זיך אויף די נײַע מקומות ווי אויך אַנדערע הנחות אין פאָרם פון הילף ביים באַזעצן זיך אויף די נײַע ערטער." (פּאַ־ראַגראַף 225).

אַזאַ ספּעציעלער דעקרעט וועגן הנחות פאַר איבערוואַנדערער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 20טן יולי, 1920. דער דעקרעט איז גילטיק עד־היום מיט אַ קליינער אויסבעסערונג, וואָס איז גע־מאַכט געוואָרן שפּעטער אינ'ם דעקרעט פונ'ם 10טן מאַי 1923, „וועגן דעם אײַנהייטליכן לאַנדווירטשאַפטליכן שטייער".

דאָס רעכט אויף איבערוואַנדערן און באַנוצן זיך מיט ערד, כדי צו פירן לאַנדווירטשאַפט, האָבן אַלע בירגער פון די סאָוועט־רעפּובליקן אָהן אונטערשייד פון נאַציעס.

בנוגע צו אידן, וועלכע שטייען זיך נאָך ערטערווײַז אָן אויף דעם אַלטן אומצוטרוי און שׂנאה, האָט די סאָוועטן־מאַכט ניט אײַנמאָל ספּעציעל אונטערגעשטראָכן די נויטיקייט צו פאַרזיכערן פאַר זיי, פאַר אידן, די אַלע רעכט אויף ערד, וואָס קומען אַלע בירגער.

נאָך אין 1919, (דעם 12טן יוני) האָט די קאָלעגיע פונם ערד־קאָמיסאַריאַט פון ר. ס. פ. ס. ר., אויפ'ן גרונט פון אַ פּאָרטראַג וועגן צוציען אידן צו ערד־אַרבעט, וואָס דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט געהאַלטן אין נאָמען פונ'ם צענטראַלן אידישן קאָמי־סאַריאַט, אָנגענומען אַ באַשלוס אויפצומונטערן מיט אַלע מיטלען דעם איבערגאַנג פון אידן צו ערד־אַרבעט.

דער צירקליאר פונ׳ם אוקראינישן ערד־קאמיסאריאט אין אָק־טאָבער 1923 צו אַלע גובערניאַלע ערד־פאַרוואַלטונגען האָט דער־מאָנט, וועמען מע האָט געדאַרפט, אַז „די שטרעבונג פון די אידן צו לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבעט דאַרף צוליב אַלגעמיין מלוכהשע צילן דערמונטערט ווערן מיט כל־ערליי מיטלען, און אַז יעדע אָפּ־נויגונג פון די ערד־אָרגאַנען פון די פאָדערונגען פונ׳ם געזעץ וועלן תיכף אויסגעפאָרשט ווערן און די שולדיקע וועלן געשטעלט ווערן צו געזעצליכער פאַראַנטוואָרטליכקייט“.

אויף פירן אַ פּלאַנמעסיקע ק א ל א נ י ז א צ י ע זיינען גע־ווים ניט גענוג די אויבנדערמאָנטע אַלגעמיינע רעכטליכע נאָרמעס. די איבערוואַנדערונג באַדייט אַ פּשוט׳ן איבערגאַנג פון אַ טייל באַ־פעלקערונג פון די באַזעצטע ערטער אויף אַנדערע וויניק באַפעלקער־טע אָדער גאַנץ אומבאַזעצטע מקומות. דער באַגריף קאָלאָניזאַציע איז אַ מער קאָמפּליצירטער. קאָלאָניזאַציע הייסט אַ קאָמפּלעקס פון פאַרשיידנאַרטיקע טעכנישע און ווירטשאַפטליכע מאָס־מיטלען צוליב דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון די נאַטירליכע רעסורסן פון אַ נייער טעריטאָריע דורך אַריינגיסן אין איר פרישע מענשליכע כחות. אין אונזערע באַדינגונגען איז די קאָלאָניזאַציע מעגליך נאָר בּאַ אַן אַקטיוון אַנטייל אין איר פון דער רעגירונג און פון די וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין איר. זי נויטיקט זיך דעריבער אין אַ באַשטימטן פאַראויסיקן אויסגלייך אין דער פאָרם פון אַן אָפּמאַך, אַ קאָנצעסיע, א. ד. גל., וועלכער דאַרף געבויט ווערן אויפ׳ן גרונט פון די ווירקנדיקע געזעצן.

כדי צו שליסן אַזאַ אָפּמאַך מיט די אַנטשפּרעכנדיקע סאָוועטן־אָרגאַנען, דאַרף מען ניט קיין אויסערגעוויינליכע פּריווילעגיעס. אַזאַ רעכט האָבן אַלע בירגער פון די סאָוועט־רעפּובליקן. מיט דעם רעכט קאָנען זיך באַנוצן אויך אויסלענדישע געזעלשאַפטן און אי־מיגראַנטן, אידן אויך בתוכם.

נאָך דער 9טער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן אינ׳ם יאָר 1921, האָט, אין זיין רעזאָלוציע וועגן מאַסמיטלען אויף אויפצוהויבן די לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד, אַנגענומען צווישן אַנדערע, דעם פאָל־גנדיקן באַשלוס: „נעמענדיק אין אַכט דעם מאַנגל אין מיטלען,

וואס קאָנען פאַרווירקליכט ווערן אויף אויפבויען די לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד, ווערט דער פאָלקס־קאָמיסאַרן־ראַט באַאויפטראַגט צו ווענדן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף צוציען מיטלען פון אויסלאַנד אין פאָרם פון הלוואות און קאָנצעסיעס״ . .

איצט ווערט געגרייט אַ געזעץ וועגן לאַנדווירטשאַפטליכער אימיגראַציע. דער פּראָיעקט פון דעם געזעץ איז שוין אָנגענומען דורך דער קאָמיסיע פאַר אימיגראַציע ביים „ראַט פון ארבעט און שוץ״ („סטאָ״).

לויט דעם דאָזיקן געזעץ ווערט דערלויבט די אימיגראַציע פון קאָלעקטיוון און פאַראייניקונגען פון אויסלענדישע ארבעטער מיט געהעריקע מיטלען, וועלכע ווילן אריבערקלייבען זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי צו ארענדירן ערד־נחלות און אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען. אַלע פריערדיקע הנחות פאַר די אימיגראַנטן, ווי אריינפירן אָהן גרעניץ־אָפּצאָל לאַנדווירטשאַפטליכע מכשירים, פאַרגרינגערטער טאַריף ביים אריבערפאָרן און פירן פראַכט, באַפריי־אונג פונ׳ם איינהייטליכן לאַנדווירטשאַפטליכן שטייער גלייך מיט אַלע איבערוואַנדערער, פאַרבלייבן אין דעם נייעם געזעץ־פּראָיעקט.

מיר זעען בכן, אַז די טירן פון די סאָוועט־רעפּובליקן זיינען ברייט געעפנט פאַר אַלע אימיגראַנטן, וואָס ווילן באַשעפטיקן זיך מיטן ערד־ארבעט.

ס׳איז ניטאָ אויך קיין שום גרונט צו רעכענען, אַז פאַר די אי־דישע קאָלאָניסטן וועלן געשטעלט ווערן באַגרעניצונגען אין זין פון קאָנצענטראַציע אויף אַ געוויסן קאָמפּאַקטן שטח ערד און שאַפן אווטאָנאָמיע פאָרמען פון פאַרוואַלטונג.

דערצו איז ניט נויטיק קיין שום „טשאַרטער״, און קיין שום הויכקלינגנדיקע „דעקלאַראַציעס״. באַ אונז גייט די זאַך פּשוט׳ער, ווארום עס דרינגט ארויס פונ׳ם אַלגעמיינעם סאָוועטן־בוי, באַ וועלכן די ארטיקע סאָוועטן פאַראייניקן זיך אין גובערניאַלע און געגנטליכע סאָוועטן.

אינ׳ם פאַרבאַנד פון די סאָוועט־רעפּובליקן ווערט ניט גע־מאַכט קיין חילוק אין רעכט צווישן גרויסע און קליינע פעלקער אָדער צווישן גרויסע און קליינע טעריטאָריעס.

אַלע פעלקער זיינען גלייכבארעכטיקט. נעבן אַזאַ ריז, ווי די

קירגיזער אווטאָנאָמע רעפּובליק, מיט אירע 1.6 מיליאָן קוואַדראַט ווערסט, וועלכע איז אַזוי גרויס ווי פראַנקרייך, שפּאַניע, פּאָרטוגאַליע, איטאַליע, בעלגיע, האָלאַנד און די באַלקאַנישע מלוכה'ס צוזאַמענגענומען, זיינען פאַראַן אינ'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד גאָר קליינע אומאָפּהענגיקע רעפּובליקן, ווי אַבכאַזיע, דאַגעסטאַן און ווייס־רוסלאַנד אָדער די אווטאָנאָמע דייטשישע קאָמונע, וואָס וועט אינגיכן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רעפּובליק.

די סאָוועטן־מאַכט האַלט זיך אין איר נאַציאָנאַלער פּאָליטיק ביים פּרינציפּ פון פולער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג און איז איר ווירטשאַפטליכער פּאָליטיק — באַ די אינטערעסן פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות.

די דאָזיקע אינטערעסן זיינען אָנערקענט פון איר אַלס דער העכסטער קריטערי פונ'ם געזעלשאַפטליכן פּראָגרעס, און אַלע התחלות, וואָס אַנטשפּרעכן דעם דאָזיקן העכסטן קריטערי, געפינען באַ דער סאָוועטן־מאַכט פולע באַוויליקונג און שטיצע.

4. מאַטעריעלע מיטלען

די פראַגע וועגן מאַטעריעלע מיטלען באַשטייט פון צוויי טיילן:

1) וויפיל דאַרף קאָסטן די איינאָרדענונג פון איין קאָלאָניסטן־משפחה און 2) פון וואַנען מע קאָן און מע דאַרף באַקומען מיטלען אויף צו פירן די קאָלאָניזאַציע.

די גרויס פונ'ם ביודזשעט אויף גרינדן אַ קאָלאָניסטישע ווירטשאַפט הייננגט אָפּ פונ'ם ראַיאָן פון דער קאָלאָניזאַציע, פון די נויטיקע מעליאָראַציעס (פאַרבעסערונג פון דער ערד) און פונ'ם כאַראַקטער פון דער ווירטשאַפט. עס ווענדט זיך בפרט, צו די ווירטשאַפט דאַרף טראָגן אַ געבערויך־כאַראַקטער, צי אַ מאַרק־כאַראַקטער. וויכטיק איז אויך, צי די פאָרם פון דער ווירטשאַפט וועט זיין אַן אינדיווידועלע אָדער קאָלעקטיווע.

עס איז אוממעגליך גענוי פאָראויס צו באַרעכענען, וויפיל וועט באַטרעפן די איינאָרדענונג פון איין קאָלאָניסט אויף ערד.

לויט די באַרעכענונגען פונ'ם ערד־קאָמיסאַריאַט, דאַרף עס קאָסטן אַן ערך 2000 גאָלד־רובל און מער. אין דעם פאַל פון שאַפן אין וואָלגאַ געביט אַ היים פאַר די אַרמענישע איינוואַנדערער, וואָס וועגן

זיי האָט ח' טשיטשערין גערעדט אויף דער גענועזער קאָנפערענץ, איז דער דורכשניטליכער ביודזשעט אויף איינאָרדענען איין משפחה באַרעכנט אין 3000 גאָלד־רובל. מע האָט אָבער דערביי געהאַט אין זין אַ באַלעבאַטישקייט פון 30 דעסיאַטין, וואָס פּראָדוצירט פאַר'ן מאַרק. אַלס אָריענטירונג־מאַטעריאַל צו באַשטימען די לויפנדיקע קאָסטן פון אידישער קאָלאָניזאַציע קאָנען דינען די אָנגאַבן פון „אָרט“, וועלכער האָט שוין געפירט אַ געוויסע ארבעט אויפ'ן געביט פון איינאָרדענען אידישע איבערוואַנדערער אויף דער ערד.

פון די 706 איבערוואַנדערער־משפחות מיט 4213 נפשות, וועלכע האָבן זיך געווענדעט צום אָדעסער קאָמיטעט פון „אָרט“ אין משך פון אַפּריל ביז יולי 1923, האָבן 217 משפחות מיט 1294 נפשות באַקומען ערד אין אָדעסער גובערניע סך־הכל 2712 דעסיאַטין. אַ טייל פון זיי איז שוין צוגעטראָטן צו דער ארבעט אויף די נייע ערטער

די אויספאָרשונגען פונ'ם אָדעסער „אָרט“ (1923) האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די הילף אויף אויסבויען אַ הויז און קויפן אינווענטאַר, וועלכע מע מוז אויסלייען צו די איבערוואַנדערער גלייך בײַ זייער איינאָרדענען זיך אויף דער ערד, באַטרעפט פון 350 ביז 500 גאָלד־רובל אויף אַ משפחה.

לויט די זעלביקע חשבונות דאַרף מען, אויף איינאָרדענען אין האַרבסט איין משפחה מיט אַ דורכשניטליכער צאָל פון זעקס נפשות, אויף 12 דעסיאַטין ערד, מאַכן פאָלגנדיקע הוצאות:

אויסבויען אַ הויז מיט ווירטשאַפטליכע געביידעס	300	גאָלד־רובל
2 פערד און 1 קו — — — — — — — — — — — — —	300	"
מכשירים — — — — — — — — — — — — — —	265	"
זריעה, פאַר 9 דעסיאַטין — — — — — — — — —	55	"
פיטער ביז דער גערעטעניש — — — — — — — —	90	"
ערד־איינאָרדענונג — — — — — — — — — — —	8	"
פאַרשיידענע — — — — — — — — — — — — —	110	"
סך הכל — — — —	1128	"

לויט די באַרעכענונגען פונ'ם צ. ק. פון רוסלענדישן „אָרט", זיינען נויטיק פאָלגנדיקע מיטלען אויף אַריבערפירן אין די פרילינג־חדשים איין משפחה פון 6 נפשות און איינאָרדענען זי אויף אַ נחלה פון 12 דעסיאַטין אין די אַלטע אידישע קאָלאָניעס.

הוצאות אין וועג	72	גאָלד־רובל
אויסבויען אַ הויף	400	"
לעבעדיקער אינווענטאַר	340	"
מכשירים	336	"
זריעה	54	"
פיטער	55	"
דערנערונג ביז דער גערעטעניש	36	"
ערד־איינאָרדענונג פון 12 דעסיאַטין	6	"
ניט פאָראויסגעזענע הוצאות	65	"
אָרגאַניזאַציאָנעלע	164	"
סך הכל	1528	"

ביים איינאָרדענען די איבערוואַנדערער אין די האַרבסט־חדשים פאַרגרעסערן זיך די אויסגאַבן אויף פיטער און דערנערונג ביז דער ערשטער גערעטעניש, און די סומע פון די קאָסטן שטייגט ביז 1616 גאָלד־רובל פאַר איין משפחה.

די הוצאות אויף איינצואָרדענען 1 משפחה אין קרים, וואו עס איז נויטיק דורכצופירן געוויסע מעליאָראַציעס, זיינען נאָך גרעסער.

אויפ'ן גרונט פון די אונטערגעפירטע באַרעכענונגען קאָן מען פעסטשטעלן אַלס אַ דורכשניטליכן אָריענטירנדיקן ביודזשעט פאַר אַריבערפירן און באַזעצן אויף ערד איין איבערוואַנדערער־משפחה, די סומע פון אַרום 1500 גאָלד־רובל.

פון וואַנען זאָל מען נעמען די מיטלען אויף צו דעקן די דאָזיקע הוצאות?

דער אָדעסער קאָמיטעט פון „אָרט" טיילט מיט, אַז פון אַלע גרופן פון די אידישע איבערוואַנדערער איז כמעט קיין איינציקע ניט פאַרזאָרגט אויף אַזוי פיל, אַז זי זאָל קאָנען אויף אייגענע קאָסטן אַריבערפאָרן און איינאָרדענען זיך אויף דעם נייעם אָרט.

נאר עטליכע צענדליק משפחות נויטיקן זיך ניט אין הילף, בא די איבעריקע האבן די אייגענע מיטלען געקלעקט בלויז אויף אריבערפארן און איינקויפן א טייל פון דעם נויטיקן אינווענטאר.

אין דורכשניט קאן מען אננעמען, אז די נייע קאלאניסטן וועלן דעקן די סומע פון 1500 גאלד־רובל אויף 20 פראצענט. עס בלייבט אויף אזא אופן דער ביודזשעט פון 1200 גאלד־רובל, וועלכער מוז גערעקט ווערן פון אנדערע קוואלן.

די סאוועט־ארגאנען האבן ניט איינמאל געגעבן צו וויסן, אז צוליבן דוחק אין געלט־מיטלען איז די מלוכה איצט ניט אימשטאנד צו נעמען אויף זיך די הוצאות פון די איבערוואנדערער. די הילף מצד דער מלוכה קאן זיך דערווייל אויסדריקן אין אפטיילן אומזיסט ערד פאר די איבערוואנדערער און אין פארשיידענע הנחות. אין דער באקאנטמאכונג פונ׳ם וויטעבסקער אויספיר־קאמיטעט, וועלכע איז אויבן דערמאנט געווארען, באשטייט די מלוכה׳שע הילף פאר די וויטעבסקער איבערוואנדערער אין פאלגנדיקן: „אויפ׳ן גרונט פונ׳ם דעקרעט פון צענטראלן אויספיר־קאמיטעט (וציק) און פאלקס־קאמיסארן־ראט פונ׳ם 20טן יולי, 1922, וועלן די איבערוואנדערער אויף די נייע ערטער באפרייט ווערן פון שטייער אין משך פון 3 יאר און פון מיליטער־דינסט. חוץ דעם וועלן זיי ארויסגעגעבן ווערן ציינגנישן אויף א פארגרינגערטן טאריף ביים אריבערפארן און פירן אינווענטאר מיט׳ן אייזנבאן. אויך וועלן זיי באקומען מעדיצינישע און וועטערינארע הילף אין וועג. די ווייטערדיקע איינארדענונג פון די איבערוואנדערער אויף די נייע ערטער דארף דורכגעפירט ווערן דורך זיי אליין מיט אייגענע מי און מיטלען.“

די מלוכה׳שע הילף איז, בכן, ניט שייך צום אויבנגעבראכטן בודזשעט, און קאן בלויז פארקלענערן די שוועריקייטן ביים איבערוואנדערן און פירן די ווירטשאפט אין די ערשטע פאר יאר. עס בלייבט דעריבער נאר דער פריוואטער און געזעלשאפטליכער קאפיטאל, וואס קאן פינאנסירן די קאלאניזאציע אויף קרעדיט־יסודות.

די פראקטיק פון די לעצטע יארן באוויזט, אז די קאלאניזא־

טאַרישע אונטערנעמונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד ציען צו צו זיך גאָר גרויסע פּריוואַטע קאַפּיטאַלן.

די פּאָליטיק פון אָפענע טירן, וועלכע די סאָוועטן־מאַכט האָט איינגעשטעלט פאַר דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, האָט געבראַכט דערצו, אז אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר זיינען פון 20 פאַר־שיידענע לענדער אנגעקומען אין דעם הויפּט־קאָמיטעט פאַר קאָנ־צעסיעס 615 פאָרשלאָגן אויף קאָנצעסיעס. א סך פון די דאָזיקע פאָרשלאָגן זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן, דאָך האָבן די גע־שלאָסענע קאָנצעסיעס, וועלכע האָבן געווירקט אין סעפּטעמבער, 1923, דערגרייכט די צאָל פון 47. פון זיי טראָגן 7 קאָנצעסיעס א לאַנדווירטשאַפטליכן כאַראַקטער.

די קאָנצעסיאָנערן זיינען שוין לאַנג צוגעטראָטן צו דער אַר־בעט. די געזעלשאַפט פון קרופּ, וועלכע האָט באַקומען א קאָנ־צעסיע אויף באַאַרבעטן און עקספּלואַטירן 100 טויזנט דעסיאַטין ערד בא דער טיכאָרעצקער־צאַריצינער אייזנבאַן־ליניע, האָט שוין אויפגעאַקערט אַרום 25 טויזנט דעסיאַטין.

די קאָמיסיע ביים ראַט פון אַרבעט און שוץ („סטאָ“) האָט לעצטנס באַטראַכט דעם פאָרשלאַג פון פּראָפ. לאַמס, וועל־כער שטייט אין דער שפּיץ פון א פאַראייניקונג פון 870 דייטשי־שע בירגער, וואָס ווילן איבערוואַנדערן אין דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד און אַרענדירן אַן ערד־שטח פון 100 טויזנט דעסיאַטין. די פאַראייניקונג באַשטייט פון אַגראָנאָמען, פאַרשיידענע ספּעציאַ־ליסטן און קוואַליפיצירטע ערד־אַרבעטער, און האָט אין איר רשות אַלע נויטיקע מכשירים און אַרום איין מיליאָן גאָלד־רובל אומזאַץ־קאַפּיטאַל. די קאָמיסיע האָט געפונען פאַר מעגליך אויס־צוטיילן פאַר דער דאָזיקער גרופּע פון 50 ביז 100 טויזנט דעסיאַטין ערד און האָט באַאויפטראַגט דעם ערד־קאָמיסאַריאַט אויסצואוויילן דעם ראַיאָן.

א קאָנצעסיאָנעלע געזעלשאַפט מיט געהעריקע קאַפּיטאַלן פאַר קאָלאָניזירן אידן אויף א באַשטימטן שטח ערד וואָלט געקאָנט רעכענען אויף דער פריינטליכסטער באַציאונג צו איר מצד די סאָוועטן־אָרגאַנען און אויף דער אַקטיווער מיטווירקונג מצד די אידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס.

די אידישע איבערוואנדערער פאָדערן ניט קיין צדקה און נדבות און באטראכטן יעדע הילף, וואָס מע האָט זיי געגעבן, ווי הלוואות, וועלכע דאַרפן מיט דער צייט אומגעקערט ווערן. די הלוואות, וואָס דער „אָרט" האָט דעם פאַריקן און אפילו הייַנטיקן יאָר אַרויסגעגעבן די אידישע ערד־אַרבעטער, האָבן שוין אָנגעהויבן פּינקטליך צוריקגעקערט ווערן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די הילף פאַר אויפבוי־אַרבעט קאָן מען שטעלן אויף געזונטע קאָמער־ציעלע יסודות, און נאָר אַזוי דאַרף אויך די קאָלאָניזאַציע פון אידן אינ'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד געבויט ווערן.

5. דער אויספיר און די נאָענטסטע אויפגאַבן

מיר זעען, אַז די באַדינגונגען אינ'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אין אַלע הינזיכטן גינסטיק פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע, און בּאַ געהעריקע געלט־מיטלען קאָן מען זי פירן אין אַ ברייטן מאַס־שטאַב און אויף געזונטע יסודות.

אויף דער נאָענטסטער צייט זיינען שוין אָנגעמערקט די פאָל־גנדיקע אויפגאַבן, וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן צוליב דער אַר־בעט אויפ'ן געביט פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע:

1) צונויפרופן אין מאָסקווע אַ באַראַטונג וועגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע מיט'ן אָנטייל פון סאָוועטישע און געזעלשאַפטליכע טוער.

2) בילדן ביים צענטראַל אויספיר־קאָמיטעט (ציק) אַ קאָ־מיסיע פאַר די ענינים פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלאָניזאַציע מיט'ן אָנטייל פון די אידישע געזעלשאַפטליכע אָר־גאַניזאַציעס.*)

3) שאַפן אַ ספּעציעלן געזעלשאַפטליכן קאָמיטעט פאַר מיט־ווירקן דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

4) אָנהויבן אַ ברייטע קאַמפּאַניע אין אויסלאַנד פאַר פינאַנ־סירן די קאָלאָניזאַטאָרישע התחלה אויפ'ן גרונט פון אַן אָנטשפּרע־

---

*) לויט די לעצטע ידיעות איז אַזאַ קאָמיסיע געגרינדעט גע־וואָרען און זי איז שוין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. — רעד.

כנדיקער קאָנצעסיע און דורך אַ ספּעציעלער באַנק פאַר אידישער איבערוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

5) צוטרעטן צו אַ אַ פּלאַנמעסיקער אויספאָרשונג פון דער איבערוואַנדערערמאַסע און אָנמערקן די פּאַסיקסטע עלעמענטן פאַר קאָלאָניזירונג.

6) אויסוויילן די פּאַסיקסטע געגנטן פאַר דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט און אויספאָרשן זיי.

7) באַאַרבעטן דעם פּלאַן פון דער קאָלאָניזאַציע אין צוויי ריכטונגען: אויף צו פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן די אַלטע אידישע קאָלאָניעס אין דרום־אוקראַינע און שאַפן אַ נייעם צענטר פונ'ם אידישן לאַנדווירטשאַפטליכן ישוב אין די גרעניצן פונ'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אגראנאם כייקין:

די ארגאניזאציע פון דער אידישער איבערוואנדערונג אין די קאלאניעס

די עקאנאמישע באדינגונגען און רעכטליכע מעגליכקייטן, וואס סטימולירן דעם איבערגאנג פון טיילן פון דער אידישער באפעלקערונג אין די סאוועט רעפובליקן צו ערד־ארבעט, האבן זיך די לעצטע צייט ניט געענדערט. די שטרעבונג פון דער שטעטלדיקער אידישער מאסע צו פארנעמען זיך מיט לאנדווירטשאפט איז אין משך פון לעצטן יאר ניט נאר ניט אפגעשוואכט געווארן, נאר זי האט זיך, אדרבא, באדייטנדיק פארשטארקט. אין די קאמיטעטן פון רוסלענדישן „ארט“ קומען כסדר אן מעלדונגען פון פארשיידענע גרופן אידן, וועלכע ווילן איבערפארן אויף נייע ערטער, כדי צו פארנעמען זיך דארט מיט לאנדווירטשאפט. די דאזיקע גרופן פארלאנגען שטיצע ביים איבערפארן און ביים באקומען ערד־חלקים אין הסכם מיט'ן ערד־קאדעקס. לויט זייערע געשלעכטליכן באשטאנד, לויט דעם עלטער פון זייערע מיטגלידער און לויט זייערע פריערדיקע באשעפטיקונגען, שטעלן מיט זיך פאר די גרופן א פאסנדיקן עלעמענט פאר איבערוואנדערער און קומענדיקע ערד־ארבעטער.

כדי צו געבן די דאזיקע ארבעטער־עלעמענטן א מעגליכקייט זיך צו פארנעמען אויפ'ן נייעם וואוין־ארט מיט דער לאנדווירטשאפטליכער טעטיקייט, וואס איז פאר זיי מערסטנס ניי, און כדי צו פארגרינגערן זיי די דאזיקע מעגליכקייט, איז קודם־כל נויטיק אנצומערקן די איינוואנדערונגס־פונקטן, וואו די באדינגונגען זיינען די גינסטיקסטע פאר'ן נייעם אידישן איבערוואנדערער.

פאר א געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע, וואס שטעלט זיך פאר א ציל צו ארגאניזירן אט די סטיכישע באוועגונג פון טיילן פון דער אידישער ארבעט־באפעלקערונג, מוז אין ערשטער רייע שטיין די ערנסטע פראגע וועגן דעם ארט, וואוהין עס דארפן געשיקט ווערן די איבערוואנדערער. פון דעם אופן, ווי אזוי עס וועט גע־לייזט ווערן די פראגע וועגן ארט, הייננט אפ אין א גרויסער מאס דער דערפאלג פון דער דאזיקער באוועגונג, וואס האט אזא גרויסע באדייטונג פאר דער אידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג, וואס איז געצוואונגען אריבערצוגיין צו נייע באשעפטיקונגען, מער צו־געפאסטע צו די נייע פארמען פון לעבן.

אין איירא‏פּייאישן רוסלאנד זיינען פרייע שטחים ערד פון דעם מלוכה פאנד, וואס קאנען איבערגעגעבן ווערן אין באנוץ פון די איבערוואנדערער, פאראן אין מורמאנער געגנט, אין הינטער־וואלגא געגנט, אין דרום־מזרח (צפונדיקער קאווקאז מיט דעם שווארצן ים ברעג), אין קרים און אין דער סטעפן־געגנט פון אוק־ראינע. דער בעסטער ארט צו באזעצן די אידישע איבערוואנדערער איז אין די פרייע געגנטן פון אוקראינע, וואס געפינען זיך נאענט פון זייערע איצטיקע וואוין־ערטער און וואו די קלימאטישע בא־דינגונגען אונטערשיידן זיך קנאפ־וואס פון די קלימאטישע בא־דינגונגען אין אמאליקן „תחום". אין אוקראינע מיט איר באדייטנ־דיקער אידישער באפעלקערונג פאלט אריין דער אידישער איבער־וואנדערער אין א היימישער סביבה. דארט וועט ער געפינען אזעל־כע עקאנאמישע און שטייגער־באדינגונגען, אין וועלכע ער איז שוין איינגעלעבט, און דאס וועט אים דערמונטערן און פארגרינ־גערן זיין ארבעט אויפ'ן געביט פון לאנדווירטשאפט.

צום באדויערן זיינען די ערד־פאנדן אין אוקראינע זייער בא־גרעניצט. צוליב דעם ערד־דוחק, וואס הערשט אין דער רעכטברע־גיקער אוקראינע, האט די אוקראינער רעגירונג באשלאסן, אז נאר בירגער פון דער אוקראינישער סאוועט־רעפובליק קאנען באקומען דאס רעכט אויף באנוץ פון דער פרייער ערד. בירגער פון אנדערע סאוועט־רעפובליקן האבן ניט קיין רעכט און קיין מעגליכקייט צו באקומען ערד פון דעם מלוכה־פאנד אין אוקראינע. זיי קאנען

איבערפֿאָרן אַהין נאָר מיט דער ערלויבעניש פֿון די דאָרפֿישע געמיינדעס, וואָס וועלן מסכּים זיין זיי צוצונעמען און אויסטיילן זיי ערד פֿון די אייגענע פֿאָנדן. אַזעלכע געמיינדעס זיינען נאָר די אידישע קאָלאָניעס. און די אידישע איבערוואַנדערער פֿון ווייס־רוסלאַנד און ר. ס. פֿ. ס. ר., וועלכע ווילן זיך פֿאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט, דאַרפֿן דעריבער אַריבערפֿאָרן אין די אידישע קאָלאָניעס פֿון אַדעסער, ניקאָלאַיעווער, יעקאַטערינאָסלאַווער און דאָנעצער גובערניעס, וואו זיי קאָנען באַקומען ערד און געפֿינען די גינסטיקע באַדינגונגען פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטליכער באַשעפֿטיקונג. דאָס באַזעצן אַ טייל פֿון דער אידישער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג אין די קאָלאָניעס קאָן אָבער ניט דורכגעפֿירט ווערן אין אַ ברייטן מאַסשטאַב, צוליב דעם, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ באַגרעניצטער טעריטאָריע. דאָס וועט זיין נאָר די ערשטע סטאַדיע און די טיילווייזע ליזונג פֿון דער קאָמפּליצירטער פּראָבלעם פֿון דער אידישער איבערוואַנדערונג.

בּדי צו משפּטן וועגן דער מעגליכקייט און צוועקמעסיקייט פֿון אַריבערפֿירן באַדייטנדיקע צאָלן אידן פֿון די שטעטלאַך אין די קאָלאָניעס, מוז מען זיך קלאָר מאַכן די פֿאָלגנדיקע פֿראַגן: 1) צי איז פֿאַראַן גענוג פֿרייע ערד אין די קאָלאָניעס; 2) צי וועלן די איבערוואַנדערער ניט ענג מאַכן די אַלטגעזעסענע קאָלאָניסטן; 3) צי זיינען די קאָלאָניסטן פֿאַראינטערעסירט, אַז די באַפֿעלקערונג פֿון די קאָלאָניעס זאָל ווערן געדיכטער דורך דעם צופֿלוס פֿון אַ נייעם אידישן ערד־אַרבעטערשן עלעמענט.

גענויע און אויסשעפּנדיקע ענטפֿערס אויף די דאָזיקע פֿראַגן קאָן מען געפֿינען אין די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן די קאָלאָניעס, וואָס געפֿינען זיך אין רשות פֿון „אָרט“.

פֿון הונגער און די פּאָגראָמען איז די באַפֿעלקערונג פֿון די אידישע קאָלאָניעס פֿאַרקלענערט געוואָרן דורכשניטליך אויף 32 פּראָצענט. אין אייניקע איז די פֿאַרקלענערונג געווען נאָך אַ סך באַדייטנדיקערע: אין קריוואָראָגער ראַיאָן — 38 פּראָצענט, אין מאַריופּאָלער ראַיאָן — 43 פּראָצ., און אין איינצלנע קאָלאָניעס פֿון דעם ראַיאָן האָט די פֿאַרקלענערונג דערגרייכט ביז 64 פּראָצענט

(אין קראסנאסעלסקא) און אפילו ביז 73 פראצענט (אין וועסיא־לאיא). בא אזא פארקלענערונג פון דער באפעלקערונג איז קלאר, אז אין די קאלאניעס האט זיך געמוזט באפרייען א באדייטנדיקער שטח ערד, וואס וואלט געקאנט איבערגעגעבן ווערן די נייע ערד־ארבעטער.

ווען מען פארגלייכט דעם שטח ערד, וואס געפינט זיך אין רשות פון די קאלאניעס, מיט דעם שטח, וואס קומט דער קאלאניסטישער באפעלקערונג לויט דער נארמע פאר יעדן נפש, קאן מען זען, אז נאר אין נייפאלטאווקע (ניקאלאיעווער ראיאן) און זאטישיע (מאריופאלער ראיאן) איז דער שטח ווייניקער ווי די נארמע. פארשטייט זיך, אז אויך דא קאן נישט זיין קיין רייד וועגן אז ערד־מאנגל אין נייפאלטאווקע, וואו עס איז לעצטן יאר באארבעט געווארן אינגאנצן 47 פראצענט פון דער ערד און וואו די צאל ארבעטער איז געוועזן נאר 48,3 פראצענט פון דער נויטיקער צאל. אבער אחוץ די צוויי, איז אין אלע איבעריקע קאלאניעס פאראן א באדייטנדיקער פרייער ערד־פאנד, וואס דערגרייכט צו א שטח פון 18,022 דעסיאטין, אדער 20 פראצענט פון דעם גאנצן ערד־פאנד פון די קאלאניעס. פון דעם דאזיקן שטח זיינען נאר 3179 דעסיאטין פארעכנט אויפ׳ן חשבון פון וואלאסט פאנד. די איבע־ריקע 14,843 דעסיאטין וועלן, נאך דער ערד־איינארדענונג, סוף כל סוף, אריבערגייען אין מלוכה־פאנד, ווי אן עודף איבער דער נארמע לויט דער צאל נפשות.

פון די 75,352 דעסיאטין, וואס קומט די קאלאניסטן לויט דער נארמע, זיינען אין יאר 1923 אין אלע קאלאניעס באארבעט געווארן נאר 36,031 דעסיאטין, ד. ה. 49 פראצענט. אין ניקאלאיעווער ראיאן זיינען באארבעט געווארן נאר 39 פראצענט. פון דעם שטח אין איינצעלנע קאלאניעס — נאך ווייניקער: אין דאבראיע — 38 פראצענט, אין נאהארטאוו און באבראווי קוט — 35 פראצענט, אין נייבעריסלאוו — 32 פראצענט, אין לוואווא — 25 פראצענט, אין קלייןסיידעמינוכא — 23 פראצענט, א. א. וו.

אזוי ווי די באפעלקערונג פון די קאלאניעס באשטייט פון אלטע ערד־ארבעטער, וואס 91 פראצענט פון זיי פארנעמען זיך

אויסשליסליך מיט ערד־ארבעט און ווייזן ארויס דערצו א גרויסן אינטערעס, דארף מען דעריבער קומען צום אויספיר, אז א באַ־דייטנדיקער ערד־שטח ווערט ניט קולטיווירט פון די קאָלאָניסטן הויפּטזאַכליך צוליב דעם דוחק אין לעבעדיקער ארבעט־קראַפט.

אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט זיך אין די קאָלאָניעס פאַר־קלענערט די צאָל ארבעטער. נאָך אין א גרעסערער מאָס האָט זיך פאַרקלענערט די צאָל ארבעט־פיך. דאָס לעצטע קאָן, בא די נויטי־קע מיטלען, ביסלאַכווייז צוגעקויפט ווערן. דער דוחק אין ארבעטער ווידער קאָן ליקווידירט ווערן נאָר דורך באַזעצן אין די קאָלאָניעס נייע ארבעט־פייאיקע עלעמענטן.

עס איז קלאָר, אז די שטאַרקע פאַרקלענערונג פונ׳ם קולטי־ווירטן שטח אין די קאָלאָניעס נעמט זיך פון דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל מענער פון ארבעט־עלטער (איבער 18 יאָר). כדי צו באַשטימען, אויף וויפיל די קאָלאָניעס זיינען אויף להבא פאַר־זיכערט מיט מענשליכער ארבעט־קראַפט פאַר דער ראַציאָנאַלער עקספּלואַטאַציע פון דעם גאַנצן שטח און אויף וויפיל זיי נויטיקן זיך אין א רעזערוו פאָנד פון ערד פאַר דעם נאַטירליכן וואוקס פון דער באַפעלקערונג, מוז מען באַשטימען די צאָל ארבעטער, וואָס זיינען נויטיק צו באַארבעטן דעם גאַנצן שטח, וואָס קומט די קאָ־לאָניעס לויט דער נאָרמע פאַר יעדן נפש, און פאַרגלייכן זי מיט דער פאַראַנענער צאָל מענער פון ארבעט־עלטער (איבער 18 יאָר). ווען עס וועלן דורכגעפירט ווערן אין די קאָלאָניעס די נויטיקע אגראָנאָמישע אויסבעסערונגען און די לאַנדווירטשאַפט וועט אוועק־געשטעלט ווערן אויף א ראַציאָנאַלן באַזיס, וועט מען דאַרפן פאַר־ווענדן אין דורכשניט 30 ארבעטער־טעג אויף באַארבעטן 1 דעסיאַ־טינע. אזוי ווי די פעלד־ארבעטן אין די קאָלאָניעס דויערן פון 7 ביז 7 און א האַלב חדשים (פון 1 אַפּריל ביז 1—15 נאָוועמבער), קומט אויס, אז איין ארבעטער קאָן באַארבעטן אין דורכשניט 6 דעסיאַטין ערד. אויף אזא אופן דאַרפן די קאָלאָניעס האָבן 12,279 ארבעטער אויף צו באַארבעטן די ערד, וואָס ווערט זיי צוגעטיילט לויט דער נאָרמע. אין דער אמתן געפינען זיך איצט אין די קאָ־לאָניעס נאָר 8,285 ארבעטער (מענער איבער 18 יאָר אַלט). בלויז אין אינגולעץ איז פאַראַן די פולע נויטיקע צאָל ארבעטער. אין

פיל קאָלאָניעס (ניי־פּאָלטאַווקע, לוואָוואַ, ניי־בעריסלאַוו, באָב־
ראָווי קוט, כּלעבאָדאַראָווקאַ, זעלאַנאָפּאָל, סלאַדקאָוואָדנאַיאַ, וועס־
סיאָלאַיאַ) איז פּאַראַן נאָר אַ העלפט פון דער נויטיקער צאָל אַר־
בעטער. די קאָלאָניעס זיינען, בכן, ווייט ניט באַזאָרגט מיט גענוג
מענשליכער אַרבעט־קראַפט פאַר דער ראַציאָנעלער באַאַרבעטונג
פון דעם גאַנצן שטח, וואָס ווערט זיי צוגעטיילט לויט דער נאָרמע
אין הסכם מיט דער גאַנצער צאָל נפשות. זיי נויטיקן זיך דעריבער
נישט אין קיין ערד פאָנד פאַר דעם נאַטירליכן וואוקס פון דער
באַפעלקערונג, און די 3,179 דעסיאַטין, וואָס זיינען פאַררעכנט
פאַר דעם וואַלאָסט־פאָנד, קאָנען אויך איבערגעגעבן ווערן צו די
איבערוואַנדערער אַן שום שאַדן פאַר דער אַלטגעזעסענער באַפעל־
קערונג.

דער אַנאַליז פון די סטאַטיסטישע ידיעות וועגן די קאָלאָניעס
באַווייזט אויפ'ן קלאָרסטן אופן, אַז אין די קאָלאָניעס איז פאַראַן
אַ באַדייטנדיקער ערד־פאָנד, וועלכן די קאָלאָניסטן זיינען ניט בכח
צו באַאַרבעטן און וועלכער קאָן און דאַרף דעריבער אויסגענוצט
ווערן אויף צו באַזעצן דאָרט דעם געהעריקן איבערוואַנדערונג עלע־
מענט פון די שטעטלאַך. עס איז אויך קלאָר גענוג, אַז די אידישע
איבערוואַנדערער וועלן ניט מאַכן ענג דער אַלטגעזעסענער באַפעל־
קערונג. פאַרקערט, די לעצטע זיינען בלויז פאַראינטערעסירט,
אַז עס זאָל זיך אין די קאָלאָניעס אַריינגיסן אַ שטראָם נייע אַרבע־
טער. שוין ניט צו רעדן וועגן אַזעלכע קאָלאָניעס, ווי קראַסנאָסעל־
קאַ און וועסאָלאַיאַ (מאַריופּאָלער ראַיאָן), וואו עס איז געבליבן
אינגאַנצן נאָר איין דריטל אָדער אפילו נאָר איין פערטל פון דער
פריערדיקער באַפעלקערונג, און וואו עס איז דעריבער נויטיק
אַריינצוציען אַ נייעם אַרבעט־עלעמענט, כּדי אויפצוהויבן די שטי־
מונג פון די קאָלאָניסטן, וועלכע זיינען געצוואונגען צו לעבן און
אַרבעטן אין אַן אוממעגליכער סביבה, צווישן צעשטערטע הייזער
און קברים, — שוין ניט גערעדט וועגן אַט די קאָלאָניעס, וואו
די באַזעצונג פון נייע אַרבעטער איז נויטיק צוליב ריין־פּסיכאָ־
לאָגישע מאָטיוון, — נאָר אויך אין אַלע אַנדערע קאָלאָניעס מוז
פאַרגרעסערט ווערן די צאָל אַרבעטער. קודם־כל קומט אויס צו
צאָלן פּראָדוקט־שטייער און אַנדערע שטייערן פאַר דער ערד, וואָס

קאַן איצט ניט אויסגענוצט ווערן, און דאָס לייגט זיך ווי אַן אי־בעריקע לאַסט אויף די ווירטשאַפטן. אַ חוץ דעם איז לחלוטין ניט דערלאַזבאַר, אַז ארום די ווירטשאַפטן זאָלן זיך געפינען גרויסע שטרעקעס גוטע אקער־ערד, וואָס ווערן ניט קולטיווירט. אין אַזאַ ערד פּלאַדיען זיך פאַרשיידענע מיסט־גראָזן און שעדליכע חיהלאַך, און עס ווערט אוממעגליך צו קעמפן קעגן דער פאַרמיסטיקונג פון די פעלדער אַזוי לאַנג, ווי זיי זיינען ארומגערינגלט מיט פאַרלאָזטע ניט־קולטיווירטע שטרעקעס ערד.

פון דעם אויבן־געזאָגטן איז קלאָר, אַז די אידישע איבערוואַנ־דערער דאַרפן געשיקט ווערן אין דער ערשטער רייע אין די אידישע קאָלאָניעס, וואו זיי קאָנען באַקומען אין באַנוץ דעם גאַנצן עודף פון דער ערד. דאָס איז דאָס באַקוועמסטע פאַר די איינוואַנדערער, און עס לוינט זיך אַמבעסטן פאַר די קאָלאָניסטן.

ווי שוין אָנגעוויזן, איז אין די קאָלאָניעס פאַראַן אַ פרייער שטח פון 18,022 דעסיאַטין. אויף דער דאָזיקער ערד קאָנען באַ־זעצט ווערן 9,011 נפשות אָדער 1,502 פאַמיליעס, רעכענענדיק אין דורכשניט צו 2 דעסיאַטין אויף אַ נפש אָדער 12 דעסיאַטין אויף אַ פאַמיליע. אויב עס זאָל זיך ארויסשטעלן, אַז די 3,179 דעסיאַטין, וואָס זיינען פאַררעכנט אויפ'ן חשבון פון וואָלאָסט, קאָנען נישט באַלד איבערגעגעבן ווער־ן אין באַנוץ פון די איבערוואַנדערער, וועט מען אין די קאָלאָניעס קאָנען באַזעצן 1,236 פאַמיליעס. ווען מען זאָל נאָך דערביי נישט רעכענען די קאָלאָניעס, אין וועלכע דער ערד־עודף איז צו קליין, וועט די צאָל פאַמיליעס פאַרקלענערט ווערן ביז ארום 1,200. אויף אַזאַ אופן קאָן מען אין די קאָלאָניעס באַזעצן לכל הדעות נישט ווייניקער ווי 1200 פאַמיליעס.

פאַרשטייט זיך, אַז באַ אַ צווייטער גענויערער אויספאָרשונג קאָן זיך ארויסווייזן, אַז אייניקע פון די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין רשות פון רוסלענדישן „אָרט", זיינען נישט גענוג פּינקטליך. אָבער יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז אין די קאָלאָניעס איז פאַראַן אַ באַדייטנדיקער שטח ערד, וואָס די איינגעזעסענע באַפעלקערונג קאָן זי ניט אויסנוצן, און אַז די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס און די קאָלאָניסטן אַליין זיינען פאַראינטערעסירט.

אז די דאַזיקע ערד זאָל וואָס גיכער איבערגעגעבן ווערן צו די אידישע איבערוואַנדערער.

די איבערוואַנדערונג דאַרף גיין קודם כל אין מאַריופּאָלער ראַיאָן און אין דער ערשטער רייע אין די קאָלאָניעס קראַסנאָ־סעלקאַ און וועסיאָלאַיאַ, וועלכע זיינען אין אַ געפאַר אינגאַנצן אָפּצושטאַרבן. אויב עס וועט אַהין נישט באַלד אַריינגעפירט ווערן אַ פרישער עלעמענט. די ווייטערדיקע איבערוואַנדערונג דאַרף גיין אין די ראַיאָנען און אין די קאָלאָניעס וואו די באַדינגונגען וועלן זיין גינסטיקער פאַר די איבערוואַנדערער.

דאָס באַזעצן פון 1200 ביז 1500 פאַמיליעס איבערוואַנדערער דאַרף דורכגעפירט ווערן אין משך פון פרילינג און זומער 1924. אין זומער 1924 דאַרפן אויסגעבויט ווערן וואוינונגען פאַר די אַלע ערד־אַרבעטער, וואָס וועלן לויט'ן פּלאַן אַריבערגעפירט ווערן אין משך פון יאָר 1924. שוין איצט מוז מען צוטרעטן צו אַ צווייטער אויספאַרשונג פון די קאָלאָניעס, און אין דערזעלביקער צייט מוז דורכגעפירט ווערן אַ אויספאַרשונג צווישן די איבערוואַנדערונג־גרופּעס אויף די ערטער. די גאַנצע צוגרייטונג־אַרבעט דאַרף אָפּ־געטאָן ווערן אין משך פון היינטיקן ווינטער און דאָס באַזעצן די איבערוואַנדערער דאַרף זיך אָנהויבן אין פריען־פרילינג, כדי עס זאָל זיין אַ מעגליכקייט שוין אין דעם נאָענטסטען פרילינג צו פאַרזייען כאָטש אַ טייל פון די פעלדער, וואָס וועלן איבערגעגעבן ווערן אין רשות פון די איבערוואַנדערער. די דאַזיקע פעלדער וועלן אויך פריער דאַרפן אויפגעאַקערט ווערן מיט טראַקטאָרן.

וואָס אין שייך די מאַטעריעלע מיטלען וואָס זיינען נויטיק פאַר דער איבערוואַנדערונג, איז לויט די אויסגעאַרבעטע חשבונות, וועט מען מוזן האָבן — ביים באַזעצן און איינאָרדענען איין משפחה און שפּייזן זי ביז דעם ערשטן שניט — 1,528 רובל און 22 קאָפּיקעס (אין גאָלד) באַ דער פרילינג איינוואַנדערונג, און 1,616 רובל און 13 קאָפּיקעס באַ דער זומערדיקער און האַרבסטיקער איבערוואַנדערונג. אויף דעם חשבון טראָגן די איבערוואַנדערער אַליין אַריין 20 פּראָצענט פון דער נויטיקער סומע, אַזוי אַז עס וועט אויסקומען צו קרעדיטירן יעדע משפחה אין דורכשניט מיט 1,250 רובל. אויף

צו קרעדיטירן די 1200 משפחות, וואָס דאַרפן באַזעצט ווערן אין די קאָלאָניעס, וועט מען דאַרפן, אין קיילעכדיקע ציפערן, די סומע פון 1,500,000 גאָלד רובל.

די נאָענטסטע אויפגאַבן פון רוסלענדישן „אָרט“

(רעזאָלוציעס אָנגענומען אויף דער באַראַטונג פון רוסלענדישן „אָרט“ אין מאָסקווע דעם 25־28 יוני, 1923)

פאַרן „אָרט“ שטייען דריי דרינגנדיקע וויכטיקע אויפגאַבן : 1) די שניט־קאמפּאַניע ; 2) צוגרייטן זיך צו דער אַלרוסלענדישער לאַנדווירטשאַפטליכער אויסשטעלונג; און 3) אָננעמען מיטלען צו רעגולירן די איבערוואַנדערונג.

די דאָזיקע אויפגאַבן דאַרף אָפּגעגעבן ווערן דער מאַקסימום פון אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע. אָבער גלייכצייטיק איז נויטיק איבערצוגיין צו אַ פּלאַנמעסיקער און סיסטעמאַטישער אַרבעט אויך אויף די אַנדערע געביטן פון דער טעטיקייט פונם „אָרט“.

פאַר אונז שטייען די פאָלגנדיקע נאָענטע אויפגאַבן אין דער לאַנדווירטשאַפט :

1. אויפן געביט פון אָרגאַניזירן ווירטשאַפטן :

1) אַנטוויקלען די אינסטרוקטאָרישע אַרבעט, גלייכצייטיק אויסנוצן די דערפאַרונג פון די קרייז־אַגראָנאָמען און פארשטאַרקן דעם קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע אָרגאַנען, וועלכע ארבעטן אין דאָרף.

2) סיסטעמאַטיזירן די אַרבעט פון אויסברייטן דעם אידישן ערד־באַנוץ און פאָרטזעצן צוציען די אָרטיקע אידישע באַפעלקערונג צו לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבעט.

3) מיטהעלפן דער אידישער באַפעלקערונג אין לאַנדווירטשאַפטליכער איינאָרדענונג. פאַר דעם צוועק אַרויסגעבן געלט־מיטלען און קרעדיטן.

4) אין דעם עניין פון באַזאָרגן די אידישע ערד־אַרבעטער מיט אינוועטאַר — שטרעבן, אין דער ערשטער ריִע, צו באַפרידיקן זייערע מינימאַלע נויטן, און די ווייטערדיקע אַרבעט אויף אָט דעם געביט פירן אין דער ריכטונג פון ראַציאָנאַליזירן די לאַנדווירטשאַפטליכע באַלעבאַטישקייט, און געבן די געהעריקע דערמוטיקונג צו די, וואָס באַקומען הלוואות אויף דער דאָזיקער אַרבעט.

5) די ראַציאָנאַליזירונג פון דערווירטשאַפט דאַרף געבויט ווערן אויף די יסודות פון די הכנסה־מעגליכקייטן פון די אָדער, יענע פון אירע צווייגן, לויט די באַדינגונגען פון אָרטיקן מאַרק. דערביי דאַרף געגעבן ווערן אַ געהעריקע אויפמערקזאַמקייט דער אַנטוויקלונג פון גערטנעריי, ספּעציעלע קולטורן, פי־צוכט, מילך־פּראָדוקציע, א. אז. וו.

2. אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפטליכער איינאָרדענונג.

עס איז נויטיק צוצוטרעטן נאָך אין לויפנדיקן סעזאָן:

1) צו רעמאָנטירן די צעשטערטע דירות פון די אידישע ערד־אַרבעטער און צו בויען נייע בנינים, אין דער ערשטער ריִע פאַר די קאָלעקטיוון, וועלכע וואוינען ווייט פון זייערע ערד־חלקים.

2) צו אָנהויבן אַ פּלאַנמעסיקע אַרבעט פון בויען ברונימער אין די אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים.

3. אויפן סאָציאַלן געביט:

1) מיטווירקן דער קאָאָפּעראַציע צווישן די אידישע ערד־אַרבעטער. אַנטוויקלען און אויסבעסערן די עקזיסטירנדיקע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיוון, קרעדיט־געזעלשאַפטן און פּראָדוציר־און פאַרקויף־געזעלשאַפטן. אַלע אָפּעראַציעס אויפן געביט פון הילף דורכפירן, אין דער ערשטער ריִע, דורך די געזעלשאַפטן.

2) דערמונטערן די פאַראייניקונג פון אידישע ערד־אַרבעטער אין קאָלעקטיוון, וואָס באַזייטיקט די צעברעקלטקייט פון דער ערד און גיט אַ מעגליכקייט פאַר דער ווייטערדיקער אינטענסיפיצירונג און מעכאַני־זירונג פון דער ערד־אַרבעט.

באַזונדערס איז נויטיק דורכצופירן אַ רעוויזיע אין די עקזיסטירנ־דיקע קאָלעקטיוון און מיטווירקן אין זייער אָפּריוניקונג און פאַר־שטאַרקונג.

4. אויפן געביט פון קולטור־ און בילדונג־אַרבעט:

1) פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון לאַנדווירטשאַפטליכער בילדונג, פאַרגיכערן די אויפשטעלונג פון דער מינסקער פערמע און פון דער ניי־פאָלטאַווקער שול, צוטרעטן איינצואָרדענען קורסן, א. אַ. וו.

2) תיכף צוטרעטן צו דער פאַרלעגערישער אַרבעט פון אַרויסגעבן פּאָפּולערע בראָשורן, פּלאַקאַטן, און אַ זאַמל־בוך וועגן לאַנדווירטשאַפט.

3) דורכפירן אַ קאַמפּאַניע אויף צוציען צו דער ערד־אַרבעט פרויען, וועלכע האָבן זיך ווייניקער צוגעפּאַסט צו לאַנדווירטשאַפט, ווי די מענער.

5. אויפן יורידישן געביט:

מיטווירקן אין דער ערשטער רייע צו פאָרמירן און פאַרפעסטיקן דעם אידישן ערד־באַנוץ, אויסברייטן די עקזיסטירנדיקע ערד־חלקים ביז דער איינגעשטעלטער נאָרמע, אָרגאַניזירן באַ די אידישע אָפּטיילן פון די מלוכה־אָרגאַנען יורידישע קאָנסולטאַציעס און באַשיצן די רעכטליכע אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן פויערטום.

6. אויפן אָרגאַניזאַציאָנס געביט:

1) אָנהויבן די אַרבעט פון צוזאַמענשטעלן אַ פּלאַן פאַר טעטיקייט, אונטערזוכן דעם ביודזשעט פון רוסלענדישן „אָרט“ פאַר'ן קומענדיקן יאָר, און פאָדערן פאַר דעם צוועק פון די סובסידירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן אין פאָרויס פיקסירן זייערע אסיגנירונגען פאַר'ן קומענדיקן יאָר — אַנדערש איז קיין פּלאַנמעסיקע אַרבעט ניט מעגליך.

2) סיסטעמאַטיזירן די אָפּרעכענונגען און די סטאַטיסטישע אַרבעט.

3) פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונג פון צ. ק. מיט די ערטער, און אין דער ערשטער רייע פאַרשטאַרקן די אָנפירונג פון צ. ק. מיט דער אַגראַנאָמישער אַרבעט פון „אָרט“.

די מעטאָדן פון דער אַרבעט פון „אָרט“

אין פּראָצעס פון דער אַרבעט פאַר דער לעצטער צייט זיינען אַרויסגעשוואומען אַ רייע פראַגן, וועלכע פאָדערן אַ באַלדיקע לייזונג:

1) די פילאַנטראָפּישע טעטיקייט פון איינציקע פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס האָט געשאַפן צווישן די אידישע ערד־אַרבעטער אַ ניט געזונטע אַטמאָספער, וועלכע דערשטיקט די זעלבסטטעטיקייט און דעם אונטערנעמונגס־גייסט פון דער באַפעלקערונג. עס איז נויטיק אָנצופירן אַ קאַמף מיט די פאָלגן פון פילאַנטראָפּיע און אין דער אייגענער אַרבעט פון „אָרט“ באַגרעניצן זיך מיט העלפן די פּראָדוצירנדיקע קרעפטן, וואָס אַנטוויקלען זיך אין דער באַפעלקערונג, און צוציען די ערד־אַרבעטער צו באַטייליקן זיך מיט זייערע מיטלען אין די אָפּעראַציעס פון „אָרט“.

2) דער „אָרט“ גיט ניט קיין הילף די רייכע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און פאַרשפּרייט זיין טעטיקייט צווישן די אָרימע מאַסן און די מיטעלע פויערים און בעל־מלאכות. דערביי ווערן אין די ליי־אָפּעראַציעס דערלאָזט פאָרצוגן פאַר די אָרימע עלעמענטן.

3) די טעטיקייט פון „אָרט" דאַרף געפירט ווערן צווישן דער אידישער לאַנדווירטשאַפטליכער באַפעלקערונג און אויך דער ניט־אידישער מינדערהייט, אויף וויפיל אַזאַ געפינט זיך אין דעם ראַיאָן פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט אָדער אין די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיווען, געזעלשאַפטן און קאָלעקטיוון, וואָס ווערן באַזאָרגט פונ'ם „אָרט".

4) דאָרט וואו דער „אָרט" באַטייליקט זיך אין אינסטרוקטירן קאָלעקטיוון מיידט ער אוים ארויפצוצווינגען פון אויבן די אָדער יענע מיטגלידער, און ער רעכנט זיך נאָר מיט די אינטערעסן פון ווירטשאַפטליכער צוועקמעסיקייט. די זעלביקע באַציאונג דאַרף אויך זיין צו דער גרינדונג פון נאַציאָנאַל־געמישטע קאָלעקטיוון.

5) בעל מלאכות, וועלכע וואוינען אין לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים, קריגן הילף פון „אָרט" אויף אַלגעמיינע יסודות פון די אַנטשפּרעכנדיקע פאָנדן, ווי אַלע בעל מלאכות. קיין לאַנדווירטשאַפטליכע הלואות ווערן זיי ניט אַרויסגעגעבן.

6) ס'איז נויטיק איינצושטעלן איינאַרטיקע באַדינגונגען פון דעקן הלואות. דערביי דאַרף מען זוכן זיך צו האַלטן אָן די כללים, וואָס זיינען איינגעשטעלט באַ די געהעריקע סאָוועטישע און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס: ארויפרעכענען, אין הסכם מיט די פאַרגרייט־באַדינגונגען, פון 3 ביז 5 פּראָצענט אויף צו דעקן די זוויטיקע הוצאות, אויסרעכענען די הלואות אין תבואה־איינצעלן און איינשטעלן איינהייטליכע טערמינען אויף דעקן די הלואות.

7) כדי אויסצומיידן אָפּהאַלטונגען און מיספאַרשטענדניסן אין דער אַרבעט און צו פאַרגרינגערן די אָפּרעכענונגען דאַרף דער רוסלענדישער „אָרט" באַשטיין אויף דעם, אַז די אַסיגנירונגען פון די סובסידירנדיקע אָרגאַניזאַציעס זאָלן ווערן סיסטעמאַטיזירט און צענטראַליזירט.

וועגן דער איבערוואַנדערונג־באַוועגונג

1) די מאַטעריאַלן און ידיעות, וועלכע קומען אַריין אין צ. ק. פון „אָרט" פון פאַרשיידענע ערטער, ווייזן, אַז די פראַגע וועגן איבערגאַנג צו דער ערד־אַרבעט פון אידן, וועלכע זיינען אַרבעטלאָז און אַרויסגעשטויסן פון זייערע פריערדיקע באַשעפטיקונגען, ווערט אַקטועל אין ערטערווייז זעהר שאַרף.

2) די איבערוואַנדערונג־באַוועגונג פון די אידישע פאָלקס־מאַסן און זייער ציען זיך צו ערד־אַרבעט אַנטשפּרעכט די אינטערעסן פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס־קרעפטן אין לאַנד.

3) די אידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס קאָנען ניט פאַרבייגיין די דאָזיקע וויכטיקע ווירטשאַפטליכע פּראָבלעם און זיינען מחויב,

מיט דעם אַנטייל פון דעם אידישן אַפּטייל פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַליטעטן, אָנצונעמען אַלע מיטלען צו לייזן אויף אַ ראַציאָנאַלן אופן די פראַגע פון דער אידישער איבערוואַנדערונג.

4) ס'איז נויטיק קלאָר צו מאַכן דעם תוך פון אַט דער באַוועגונג, נעמען אויף זיך די מעגליכע פירערשאַפט, כדי צו געבן דער באַוועגונג, לויט די כחות, אַ ווענדונג פון פּלאַנמעסיקער איבערוואַנדערונג אין הסכם מיט דער לאַנדווירטשאַפטליכער פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מאַכט און מיט די פּלענער פון לאַנדווירטשאַפטליכן אויפבוי אין די סאָוועט רעפּובליקן.

5) דער ערד־קאָדעקס און די דעקרעטן וועגן איבערוואַנדערונג פאַרזיכערן פאַר אַלע בירגער דאָס רעכט פון פרייער איבערוואַנדערונג.

6) די אידישע איבערוואַנדערונג־מאַסע באַזיצט ניט קיין גרויסע לאַנדווירטשאַפטליכע דערפאַרונג, כאָטש אין איר באַשטאַנד גייען אויך אַריין געוועזענע אַרענדאַטאָרן און ערד־אַרבעטער — פּליטים פון דעם פּאָגראָם־פּעריאָד, אָבער דער שטאָטישער כאַראַקטער פון דער אידישער מאַסע, וועלכע האָט ניט די קאָנסערוואַטיווע טראַדיציעס פון פּויערטום, מאַכט איר מסוגל צו מער אינטענסיווע, מאַשיניזירטע און קאָלעקטיווע פאָרמען און מעטאָדן פון לאַנדווירטשאַפט.

7) צוליב דעם וואָס די לאַנדווירטשאַפטליכע איבערוואַנדערונג־אַרבעט איז ניי פאַר'ן „אָרט“, און צוליב דער באַגרענעצטקייט פון די מעגליכע רעסורסן, איז נויטיק צו אַנטוויקלען די איבערוואַנדערונג־קאָמפּאַניע בהדרגה. אָבער שוין איצט איז ווינשנסווערט, מיט'ן צוועק צו אויסאַרבעטן דעם געהעריקן פּלאַן, קלאָר צו מאַכן די פּערספּעקטיוון פון אויסברייטן די אַרבעט און די פינאַנציעלע מעגליכקייטן זי צו פאַרווירקליכן.

8) די גאַנצע אַרבעט דאַרף זיין געבויט אויף דער איניציאַטיוו און דעם ריסק פון די איבערוואַנדערער. די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס באַגרעניצן זיך נאָר מיט'ן אָנפירן און מיטהעלפן די איבערוואַנדערער.

9) פאַר די אידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס שטייען די פאָלגנדיקע אויפגאַבן :

א) מיטהעלפן די איבערוואַנדערער אויף די אויסוואַנדערונגס־ערטער : אַנטייל נעמען אין דעם אָרגאַניזירן און פאָרמירן פון איבערוואַנדערונג־גרופּן, אינפאָרמירן וועגן פאָרמאַליטעטן, וועגן פרייע ערד־חלקים און די ווירטשאַפטליכע פּערספּעקטיוון, מיטווירקן דעם שיקן פון שלוחים, וועלכע טראָגן אַריין אין דער איבערוואַנדערונג־באַוועגונג אַן עלעמענט פון באַוואוסטזיניקייט. פאַר דעם איז אין דער ערשטער צייט נויטיק : זיך צו באַקענען כאָטש אומגעפער און סכעמאַטיש מיט די

מער פּאַסיקע ערד־חלקים, און שפּעטער אויסשטאַטן אַן עקספּעדיציע גע־נויער אויסצופאָרשן די ערד.

ב) מיטהעלפן די איבערוואַנדערער אין וועג, אין דער צייט פון דער איבערוואַנדערונג.

ג) העלפן די אויסוואַנדערער אויף די נייע ערטער; פאָרמירן ערד־אָרגאַנען, צוגרייטן ערד־חלקים, וועלכע זיינען פּאַסיק פאַר באַארבעטן (אויפברעכן נייערד, דורכפירן די איינפאַכסטע אויסבעסערונגען אויף די פּאַסיקע חלקים, בויען בנינים, בויען ישובים) שטענדיק מיט דעם אַנטייל פון די איבערוואַנדערער, אַנטייל נעמען אין פאַרזאָרגן זיי מיט אינוועטאַר, זריעה און, אין די נויטיקסטע פאַלן, מיט שפּייז, און, ענדליך, יורידישע, אַגראַנאָמישע און קולטורעלע הילף פאַר די איבערוואַנדערער.

10) וואָס איז שייך איינוואַנדערונגס־ראַיאָנען ווערט איינגעשטעלט די פאָלגנדיקע אָרדענונג:

א) די עקזיסטירנדיקע אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים ווערן באַזעצט געדיכטער דורך דער אינטעסיפיצירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט; ב) די שכנ'ישע און נאָענט־ליגנדיקע ערד־חלקים ווערן פאַרנומען און באַזעצט פון די איבערוואַנדערער און איינגעטיילט אין ישובים: ג) די ווייטערדיקע באַזעצונג פון די איבערוואַנדערער קומט פאַר אויף די ערד־חלקים, וועלכע ליגן נאָענט צו אידישע צענטערן און אָפּזאָץ־מערק (למשל, טיילן פון דרום־מזרח, דער ברעג פון שווארצן ים, קרים, א. אַ.); ד) און ענדליך, אין די ניט באַוואוינטע און ווייטערליגנדיקע ראַיאָנען.

11) ניט וואַרטנדיק אויף דער מעגליכקייט אַנצופירן די ארבעט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, לויט אַ פריער־אויסגעאַרבעטן פּלאַן, איז נויטיק תיכף, אין דער אָרדענונג פון דרינגליכקייט, צוצוטרעטן העלפן דעם שטראָם פון איבערוואַנדערער, אַריינציענדיק אין דער ספערע פון אונזער טעטיקייט, וואו דאָס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר צוועקמעסיק, אויך די ניט אידישע איבערוואַנדערונג.

12) די איינגעוואַנדערטע ווערט געגעבן דער פרייער אויסוואַל פון די פאָרמען פון ערד־באַזיץ. מען דאַרף אָבער שטרעבן מיט אַלע מעגליכקייטן צו דערמוטיקן קאָלעקטיווע פאָרמען, אַלס מער נוצליכע און צוועקמעסיקע, בפרט ביים באַזעצן נייע חלקים.

13) אַלע פאָרמען פון הילף, אויסער אויספאָרשונגען און אינסטרוקטאָרישע, ווערן געבויט אויף שטריינגע קרעדיט־יסודות אָהן וועלכן עס איז געמיש פון פילאַנטראָפּיע.

14) כדי אויסצומיידן פּאַראַלעליזם אין דער אַרבעט, צעברעקלונג פון די מיטלען, און איבעריקע פאַרסירונג פון דער באַוועגונג, וועלכע זיי־

נען אומפאַרמיידליך באַ דער אַרבעט פון באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס — אָנערקענען פאַר נויטיק צו שאַפן אַ פאַראייניקטע קאָמיסיע פון „אָרט“, „אידגעזקאָם“, „דזשאָינט“ און „יקא“, וועלכע זאָלן אַרבעטן אין ענגן קאָנטאַקט מיט די אַנטשפּרעכנדיקע פאַראינטערעסירטע מלוכה־אָרגאַנען און אָנפירן די טעטיקייט לויט איין איינהייטליכן פּלאַן פון אַרבעט.

15) דער פּלאַן פון טעטיקייט, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט פון דער פאַראייניקטער קאָמיסיע ווערט דורכגעפירט אין לעבן דורכ׳ן אַפּאַראַט פון רוסלענדישן „אָרט“, וועלכער ווערט אויף אַן אַנטשפּרעכנדיקן אופן פאַרשטאַרקט.

י. גאָלדע:

דער אידישער פּאַוויליאָן אויף דער אַלרוסלענדי-שער לאַנדווירטשאַפטליכער אויסשטעלונג

די איינגאַרטיקע היסטאָרישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן געלעבט די אידישע מאַסן, האָבן געווירקט אויף דעם כאַראַקטער פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט. די לאַנדווירטשאַפט בּאַ די אידן, ניט קוקנדיק אויף איר צעזייטקייט, פאַרמאָגט געוויסע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, מיט וועלכע זי אונטערשיידעט זיך פון דער לאַנדווירטשאַפט באַ אַנדערע פעלקער. דער זין פון דעם אידישן פּאַוויליאָן, וואָס די אידישע אָפּטיילונג פון נאַציאָנאַליטעטן-קאָמיסאַריאַט האָט געבויט אויף דער אַלרוסלענדישער לאַנדווירטשאַפטליכער אויסשטעלונג, איז: אויפדעקן די דאָזיקע איינגאַרטיקייט און אין דערזעלביקער צייט אונטערפירן דעם סך-הכל פון דער אויפבוי ארבעט, וואָס איז דורכגעמאַכט געוואָרן זינט דער אָקטאָבער רעוואָלוציע אויפ'ן געביט פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט.

אין דער צייט פון דער צאַרישער רעגירונג האָט די אידישע לאַנדווירטשאַפט עקזיסטירט האַלב-לעגאַל און ערטערווייז אפילו גאָר אומלעגאַל. זי איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק קאַפּריזן פון איינצלנע הערשער, און איר עקזיסטענץ איז שטענדיק געווען אָפּהייַנגיק פון די קאַפּריזן און דעם ווילקיר פון די צאַרישע סאַטראַפּן. באַ אַזעלכע באַדינגונגען האָט זי זעלבסטפאַרשטענדליך ניט געקאָנט זיך פריי און ברייט אַנטוויקלען. אַ נייע תקופה מיט ברייטע האָריזאָנטן און אַנטוויקלונגס-מעגליכקייטן האָט זיך פאַר דער אידישער לאַנדווירטשאַפט אָנגעהויבן בלויז מיט דעם נצחון פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. אָבער אפילו דאָס, וואָס איז געבליבן פון דער

אידישער לאנדווירטשאפט פון די צארישע צייטן, איז כמעט אינ־גאנצן רואינירט און צעשטערט געווארן דורך די פאגראמען פון דער קאנטער־רעוואלוציע. עס איז, דעריבער, אויסגעקומען צו בויען כמעט פון דאס ניי. מען האט געמוזט דערנערן און באקליידן די געליטענע, אומקערן די אידישע ערד־ארבעטער אין זייערע פאר־לאזטע און חרוב׳ע דערפער.

עס איז שוין ניט ווייניק אויפגעטאן אויף דעם געביט פונ׳ם אויפבוי און ווייטערדיקער אנטיקלונג פון דער אידשער לאנדוורט־שאפט. נאר א סך מער בלייבט נאך דורכצומאכן.

דער אידישער פאוויליאן איז ארגאניזירט געווארן מיט׳ן צוועק ארייננצוטראגן קלארקייט אין דער דאזיקער ארבעט און אנמערקן די וועגצייכנס פאר דער ווייטערדיקער טעטיקייט.

דער פאוויליאן איז געבויט געווארן דורך דעם אידישן אפטייל פון נאציאנאליטעטן־קאמיסאריאט, מיט׳ן אנטייל פון „אידגעזקאם" און רוסלענדישן „ארט". דער „אידגעזקאם" האט זיך באַטייליקט מיט עקספאנאטן און מיט א טייל פון די הוצאות. דער רוסלענדישער „ארט" האט גענומען אויף זיך דעם גרעסטן טייל קאסטן און די גאנצע ארבעט פון זאמלען די עקספאַנאטן, אינסטרוקטירן די ערטער און איינארדענען דעם פאוויליאן.

א דאנק דער שטיצע פון דער סאוועטן־מאכט און די באמי־אונגען פון רוסלענדישן „ארט" און „אידגעזקאם" און א דאנק דעם אינטערעס, וועלכען עס האבן ארויסגעוויזן די אידישע ערד־ארבעטער און קוסטארעס צו דער אויסשטעלונג, האט זיך איינ־געגעבן צונויפצוזאמלען אין דעם פאוויליאן א מאסע עקספאנאטן, וועלכע גיבן א גענוי בילד פון דער איצטיקער לאגע פון דער אידי־שער ערד־ארבעט און מלאכה אין די סאוועט־רעפובליקן.

דער פאוויליאן איז ארגאניזירט געווארן אין א גרויסער, צוויי־שטאקיקער געביידע פון 68 קווואדראט־קלאפטער. זיין ארכיטעק־טור באשטייט אין דער מאדערניזאציע פון דער מערב־אידישער בוי־קונסט.

די עקספאנאטן, וואס זיינען פאנאנדערגעשטעלט געווארן אין דעם אידישן פאוויליאן, קאנען געטיילט ווערן אויף פאלגנדיקע גרופן:

1) געאגראפישע קארטעס פון די אידישע לאנדווירטשאפט־ליכע ישובים און פארשיידענע קינסטלעריש־אויסגעפירטע קאנסטרוקטיווע סטאטיסטישע דיאגראמען וועגן דער אידישער ערד־ארבעט.

2) מוסטערן פון פראדוקטן פון דער אידישער ערד־ארבעט: אקער־קולטור, סעדעריי און גערטנעריי.

3) עקספאנאטן פון דער באארבעטונג פון דארפישע פראדוקטן: קעז, האניק, וויין, קאנסערוון, טאבאק, אייל און אנד.

4) פראדוקטן פון דער אידישער מלאכה פון מעטאל, האלץ, ליים, האר און שטריק.

5) פאבריקאטן פון אידישע געזעלשאפטליכע פאבריקן: לאנדווירטשאפטליכע מכשירים און מאנופאקטור.

6) ארבעטן פון די אידישע פראפעסיאנעל־טעכנישע שולן פאר טישלעריי, שלאסעריי, פאליגראפיע, שניידעריי און שוסטעריי.

7) עקספאנאטן פון די געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס: די מאטעריאלן וועגן דער טעטיקייט פון רוסלענדישן „ארט" און „אידגעזקאם" און אידישע ביכער פון „קולטור־ליגע".

8) פאטאגראפיעס פון אידישע דערפער, קאלאניעס און קאלעקטיוון, ווי אויך פון די אידישע פראפ.־טעכנישע שולן.

9) א מאדעל אין איין־צענטל נאטורעלער גרויס פון א טיפישן הויף פון א אידישן קאלאניסט.

10) אייניקע מאטעריאלן וועגן די אידישע פאגראמען.

אין דער קאלעקציע פון געאגראפישע קארטעס זיינען פארגעשטעלט די אידישע לאנדווירטשאפטליכע ישובים אין אוקראינע, ווייס־רוסלאנד, האמלער און וויטעבסקער גובערניעס. די קארטעס ווייזן אן אויף רוסיש און אידיש, וויפל ערד־ארבעטער עס זיינען פאראן אין יעדן ישוב, וויפל ערד געפינט זיך אין זייער באנוץ און וויפל באטרעפט דער אלגעמיינער אידישער ערד־באנוץ אין יעדער גובערניע.

אנטקעגן די קארטעס שטייען די קינסטלעריש אויסגעפירטע קאנסטרוקציעס — דיאגראמעס, וועלכע ווייזן גאנץ בולט דעם שטח פון דעם אידישן אינדיווידועלן און קאלעקטיוון ערד־באנוץ; די צאל פון אידישע ערד־ארבעטער אינ'ם יאר 1913 און 1923; די

צעטיילונג פון דער ערד לויט קולטורן; די באזארגטקייט פון די אידישע ערד־ארבעטער מיט אינוועטאר און געביידעס און זייער אנטייל אין קאאפעראציע.

א רייע קינסטלערישע דיאגראמען פון פארשיידענע ראיאנען שילדערן די אינערע סטרוקטור פון א מיטעלער אידישער ערד־באַלעבאַטישקייט, די דורכשניטליכע גרעטעניש א. א. וו., באארבעט לויט די ביודזשעט־אויספארשונגען. א באזונדערן אינטערעס שטעלן פאר די אויספארשונגען פון 18 אידישע באלעבאטישקייטן אין סמאלענסקער גובערניע, אויסגעפירט דורך א גרופע אידישע סטודענטן פון הארקער לאנדווירטשאפטליכן אינסטיטוט אונטער דער אנפירונג פון פראפעסאר גריגאריעוו. די דורכשניטליכע גרעטעניש פון די דאזיקע אידישע ווירטשאפטן באטרעפט פאר קארן — 68 פוד פון א דעסיאטין, פאר ווייץ — 63 פוד און אז. וו.

אויף די טישן בא די ווענט זיינען צעלייגט פארשיידענע עקספאנאטן פון דער אקער־קולטור, מילך־ווירטשאפט, סעדעריי, גערטנעריי, בינען־צוכט וויינגערטנעריי טאבאק־קולטור און אנדערע, וואס זיינען צוגעשיקט פון אידישע פויערים און קאלעקטיוון. דערביי שטייען אויך די סנאפעס פון פארשיידענע תבואה־קולטורן מיט געגויע באשרייבונגען.

א מאסע פאטאגראפיעס פון פארשיידענע אידישע קאלאניעס, דערפער, ישובים, קאלעקטיוון און ארטעלן באווייזן פארשיידענע מאמענטן פון דעם לעבן פון אידישע ערד־ארבעטער, פון זייער שטייגער און ארבעט.

צווישן די עקספאנאטן צייכענען זיך אויס די פראדוקטן פון די קאלעקטיוון „י ע ד י נ ע נ י ע“ און „א ב י ע ד י נ ע נ י ע“ פון האמלער גובערניע, „ו ו א ס כ א ד“ פון פאטשעפ, פון דעם באוואוסטן מוסטער־גארטן פון אדעסער „ארט“ און אנדערע. צווישן די איינצל־ווירטשאפטן זיינען באזונדערס אינטערעסאנט די עקספאנאטן פון ב. נעבאמקין אין גיי־קאוונע, (פילארטיקע ערד־קולטורן, האניק, קעז), די ברידער לעוויטין אין פאטשעפ, די תבואה־עקספאנאטן פון דער קאלאניע ד א ב ר א י ע (די גערעטעניש פון ווייץ — 125 פוד, פון גערשטן — 120 פוד), די וויינטרויבן פון לוואווא און ד. ג.

אינטערעסאנט איז אויך דער הערבאריום פון מינסקער געגנט, צוזאמענגעשטעלט אין דער אידישער מינסקער פערמע.

אין דעם אויבערשטן שטאק פון דעם פאוויליאן איז אויפגעשטעלט געווארן א גענויע מאדעל פון א אידישן הויף אין די דרום־קאלאניעס, אין איין צענטל גרויס פון נאטור.

אז אנגעזעענע ארט האבן פארנומען אויך פארשיידענע עקספאנאטן פון אידישע קוסטארעס, און פעלד־מכשירים אויסגעארבעט אין אידישע געזעלשאפטליכע פאבריקן. א חוץ דעם — די עקספאנאטן פון די אידישע פראפעסיאנעל־טעכנישע שולן — פארשיידענע ארבעטן אין אייזן און האלץ פון תלמידים. נעבן זיי — אן אריגינעלע קינסטלעריש קאנסטרואירטע דיאגראמע, וואס שילדערט די טעטיגקייט פון דעם רוסלענדישן „ארט" אויפ'ן געביט פון דער אידישער לאנדווירטשאפט און פראפעסיאנעל־טעכנישער בילדונג.

א באזונדער ווינקל אין שכנות מיט די פראפעסיאנעל־טעכנישע שולן האט פארנומען די אפטיילונג פון די אידישע קינדער־היימען. זייערע עקספאנאטן — פארשיידענע אויסארבעטונגען און פראדוקטן פון קינסטלערישער שאפונג — זאגן עדות, אז די קינדער־אנשטאלטן, וואס דער „אידגעזקאם" האט געגרינדעט, גרייטן א גוטן מאטעריאל פאר ווייטערדיקער פארפאלקאמונג אין די פראפעסיאנעל־טעכנישע שולן.

די ווענט פון פאוויליאן זיינען געווען באפוצט מיט לאזונגען, וואס רופן צו א געזונטן פראדוקטיוון לעבן און פאראורטיילן בטלנות און הענדלעריי.

איבער די לאנדווירטשאפטליכע עקספאנאטן פון די גארטנס בא די קינדער־היימען האבן פיגורירט די פערזן פון קוויטקא:

„איך בין צוגעבונדן צו מיין גרויסן היינט.
„דער גראבאייזן — מיין פריינט —
„איז שארף,
„און ערד איז פייכט און זאפטיק."

איבער דער אפטיילונג פון פראפעסיאנעל־טעכנישער בילדונג איז געהאנגען דער לאזונג: „אן ארבעטער אן טעכנישער בילדונג איז ווי א רויט־ארמעער אן א ביקס".

אין דער אפטיילונג פון אידישער לאנדווירטשאפט האבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די לאזונגען:

„צדקה דערנידעריקט, פארוואנדלט אין קנעכט.

„ארבעט־פרנסה פארפעסטיקט די רעכט."

„נעמ פאר לופטמענשן באשערט.

„מיר הארפאשניקעס, באדארפן ערד."

און אנדערע.

דער פאוויליאן האט ארויסגערופן אן אויסערגעוויינליכן אינ־טערעס צווישן די באזוכער פון דער אויסשטעלונג. אין דורכשניט האט די צאל באזוכער פונם אידישן פאוויליאן באטראפן צו 2—3 טויזנט מענשן א טאג און אין די זונטיקן — ביז 25—30 טויזנט.

א חוץ דעם איז דער פאוויליאן באזוכט געווארן פון טויזנט ארגאניזירטע גרופן עקסקורסאנטן מיט 25,000 מענשן. צווישן זיי זיינען געווען: פויערשע גרופן — 300; ארבעטער — 150; רויט־ארמייער — 5; לערניונגנט — 200; און געמישטע גרופן — צוויי הונדערט.

צווישן די עקסקורסאנטן זיינען געווען פארטרעטער פון אלע נאציעס, ניט נאר פון די סאוועט־רעפובליקן, נאר אויך פון מערב־אייראפע און אזיע. די עקסקורסאנטן האבן זיך אויפמערקזאם צו־געהערט צו די דערקלערונגען פון די אגראנאמען, וועלכע האבן באדינט דעם פאוויליאן, און פלייסיק נאטירט בא זיך אלע ציפערן.

אינטערעסאנט זיינען די מיינונגען, וואס זיינען אריינגע־שריבן אינם בוך פאר די באזוכער. איינער, אן ארבעטער־קארעס־פאנדענט, שרייבט:

„אז מען טוט, טוט מען פעלערן. עס איז גלייכער מיט פעלערן, איידער גארניט, ווייל צום צווייטן מאל קאן מען זיי אויסמיידן."

עס איז זיכער אמת, אז עס זיינען געווען פארזעענס אין דער ארבעט פון ארגאניזירן דעם פאוויליאן. דער פאוויליאן איז געשאפן געווארן אין גאר א קורצער צייט מיט גאנץ קנאפע מיטלען. דעריבער האט ער אנדערש ניט געקאנט זיין. דאך האט דער פאוויליאן דער־פילט א גרויסע און וויכטיקע אויפגאבע. אין דעם זיינען איינפאר־שטאנען דאס רוב באזוכער.

אינם איינשרייב־בוך געפינען זיך באמערקונגען אויף פאר־

שיידענע שפּראַכן: חוץ רוסיש און אידיש אויך אוקראַיניש, טאַטעריש, אונגאַריש, יאַפּאַניש, העברייאיש, פיניש, און אאז. וו. וואָס דריקן אויס געפילן פון פאַרוואונדערונג, באַפרידיקונג, פאַרגעניגן, פרייד און שטאָלץ, וואָס דער פּאַוויליאָן האָט אין זיי אַרויסגערופן.

די קאָמיסיע פון די עקספּערטן, וועלכע האָבן באַזוכט דעם אידישן פּאַוויליאָן, האָט אין איר פּראָטאָקאָל פאַרצייכנט, אַז „זי האַלט פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן די גרויסע ענערגיע און אַרבעטזאַמקייט, וועלכע עס האָבן אַרויסגעוויזן די אידישע ערד־אַרבעטער ביים פירן ווירטשאַפט אין די שווערע פאַרגאַנגענע צייטן“.

די עקספּערטן־קאָמיסיע ביים הויפּט־קאָמיטעט פון דער אויסשטעלונג האָט באַשטימט צו פּרעמירן דעם אידישן פּאַוויליאָן מיט אַן ערן־דיפּלאָם פון דער דריטער מדרגה פאַר דער באַפרידיקנדער אַנטפּלעקונג פון דער אידישער ערד־אַרבעט אינם אַלפאַרבאַנדישן מאַסשטאַב.

די דאָזיקע אָנערקענונג וועט דינען די אידישע ערד־אַרבעטער און געזעלשאַפטליכע טוער אַלס אַן אויפמונטערונג פאַר זייער ווייטערדיקער פּראָדוקטיווער אַרבעט.